STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06053

AGODES

L. Bayon

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. באַיאָן

אַגָדות

לערנבוך פון העברעיש פאַר יידישע שולן

צווייטע איבערגעאַרבעטע אויפלאַגע

ערשטער טייל

אברהם און גיטל קרעמערמאַן-פאָנד
פאַר פעדאַגאָגישער ליטעראַטור
ביי דער יידישער שול
אין מעקסיקע
— 1948 —

L. BAYON

AGADA

LIBRO PRIMERO

Segunda Edición Corregida

Fondo A. y G. Kremerman para editar literatura pedagógica, anexo al Colegio Israelita de México.
- 1948 -

לָמָּה נִבְרָא הָאָדָם יְחִידִי?

לְפִיכָךְ נִבְרָא הָאָדָם יְחִידִי — לְלַמֶּדְךָ:

שֶׁכָּל הַמְאַבֵּד נֶפֶשׁ אַחַת מִיִּשְׂרָאֵל, מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִלּוּ אִבֵּד עוֹלָם מָלֵא, וְכָל הַמְקַיֵּם נֶפֶשׁ אַחַת מִיִּשְׂרָאֵל, מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִלּוּ קִיֵּם עוֹלָם מָלֵא.

וּמִפְּנֵי שְׁלוֹם הַבְּרִיּוֹת:

שֶׁלֹּא יֹאמַר אָדָם לַחֲבֵרוֹ: — אַבָּא גָּדוֹל מֵאָבִיךָ!

פאַר וואָס איז דער מענטש באַשאַפֿן געוואָרן אַן איינציקער?

דערפֿאַר איז דער מענטש באַשאַפֿן געוואָרן אַן איינציקער — כּדי דיך צו לערנען:

אַז דער וואָס ברענגט אום איין ייִדישן נֶפֶש, פֿאַררעכנט אים די תּוֹרָה ווי ער וואָלט אומגעבראַכט אַ גאַנצע וועלט, און דער וואָס האַלט אויף איין ייִדישן נֶפֶש, פֿאַררעכנט אים די תּוֹרָה ווי ער וואָלט אויפֿגעהאַלטן אַ גאַנצע וועלט.

און צוליב דעם שָׁלום פֿון די מענטשן:

אַז עס זאָל נישט זאָגן איין מענטש צו דעם צווייטן: — מיין טאַטע איז גרעסער פֿון דיין טאַטן! *).

*) אַלע מענטשן זיינען גלייך און איטלעכנס לעבן איז הייליק און טייער.

גענימונג 1. שרײַב איבער די װערטערדיקע זאַצן אין דײַן העפט און דערקלער זײ אין ייִדיש.

א. הָאָדָם נִבְרָא יְחִידִי.
ב. אֱלוֹהִים בָּרָא אֶת הָאָדָם.
ג. בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלוֹהִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ.
ד. לְאָדָם אֶחָד הָיָה בֵּן יָחִיד וּבַת יְחִידָה.
ה. כָּל הַמְאַבֵּד נֶפֶשׁ אַחַת מִיִּשְׂרָאֵל כְּאִלּוּ אִבֵּד עוֹלָם מָלֵא.
ו. כָּל הַמְקַיֵּם נֶפֶשׁ אַחַת מִיִּשְׂרָאֵל כְּאִלּוּ קִיֵּם עוֹלָם מָלֵא.
ז. הַמְאַבֵּד אֶת עַצְמוֹ לָדַעַת אֵין לוֹ חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא.
ח. הַכָּתוּב מַעֲלֶה עָלָיו.

גענימונג 2. שטעל צו דעם פּאַסיקן סינאָנים פֿון דעם צװײטן זײַלכל.

מַדוּעַ	אַבָּא
אָדָם	גַּזְלָן
כָּתוּב	אֲנָשִׁים
אָב	דערקװיקונג
בְּרִיּוֹת	ערגערניש
עַגְמַת־נֶפֶשׁ	תּוֹרָה
מְחַיֶּה־נְפָשׁוֹת	אִישׁ
הוֹרֵג־נְפָשׁוֹת	לָמָּה

גענימונג 3. שרײַב אױס די סובסטאַנטיװן פֿון דער אַגָדה „לָמָּה נִבְרָא הָאָדָם יְחִידִי" און דערקלער זײ אין ייִדיש.

בְּרִיאַת הָאִשָּׁה

„וַיִּבֶן יְיָ אֱלֹהִים אֶת הַצֵּלָע״ —
אָמַר רַ׳ יְהוֹשֻׁעַ בְּשֵׁם רַ׳ לֵוִי: — הִתְבּוֹנֵן מֵאַיִן לִבְרוֹאתָהּ. אָמַר: —

לֹא אֶבְרָא אוֹתָהּ מִן הָרֹאשׁ שֶׁלֹּא תְּהֵא מֵיקֶרֶת רֹאשָׁהּ;
וְלֹא מִן הָעַיִן, שֶׁלֹּא תְּהֵא סַקְרָנִית;
וְלֹא מִן הָאוֹזֶן, שֶׁלֹּא תְּהֵא צַיְתָנִית;
וְלֹא מִן הַפֶּה, שֶׁלֹּא תְּהֵא פַּטְפְּטָנִית;
וְלֹא מִן הַלֵּב שֶׁלֹּא תְּהֵא קַנְאָתָנִית;
וְלֹא מִן הַיָּד, שֶׁלֹּא תְּהֵא מְמַשְׁמְשָׁנִית;
וְלֹא מִן הָרֶגֶל, שֶׁלֹּא תְּהֵא פַּרְסָנִית;
אֶלָּא מִן הַצֵּלָע, מִמָּקוֹם שֶׁהוּא צָנוּעַ בָּאָדָם.

די באַשאַפונג פון דער פרוי

„און גאָט דער האַר האָט אויסגעבויט פון דער ריפּ״ — האָט געזאָגט ר׳ יְהוֹשֻׁעַ אין ר׳ לֵוִיס נאָמען: — ער האָט זיך באַטראַכט פון וואַנען זי צו באַשאַפן. ער האָט געזאָגט:

איך וועל זי נישט באַשאַפן פון דעם קאָפּ, כדי זי זאָל נישט פאַרריַיסן דעם קאָפּ;
און נישט פון דעם אויג, כדי זי זאָל נישט זיַין קיין נאָכקוקעריַן;
און נישט פון דעם אויער, כדי זי זאָל נישט זיַין קיין אונטערהערעריַן;

און נישט פון דעם מויל, כדי זי זאָל נישט זיין קיין פּלאַפּלערין;
און נישט פון דעם האַרצן, כדי זי זאָל נישט זיין קיין נישט־
פאַרגינערין;
און נישט פון דער האַנט, כדי זי זאָל נישט זיין קיין טאַפּערין;
און נישט פון דעם פוס, כדי זי זאָל נישט זיין קיין לויפערין;
נאָר פון דער ריפּ, פון אַן אָרט וואָס איז באַהאַלטן ביים מענטשן.

ג ע נ י ט ו נ ג 4. שרייַב איבער די וויַיטערדיקע זאַצן און
דערקלער זיי אין יידיש.

א. וַיִּבֶן ד׳ אֱלוֹהִים אֶת הַצֵּלָע.
ב. הִתְבּוֹנֵן מֵאַיִן לִבְרוֹאתָהּ.
ג. לֹא אֶבְרָא אוֹתָהּ מִן הָרֹאשׁ.
ד. מִמָּקוֹם שֶׁהוּא צָנוּעַ בָּאָדָם.

ג ע נ י ט ו נ ג 5. שרייַב אויס פון דער אַגָּדָה „בריאַת הָאִשָּׁה"
די ווערטער וואָס באַצייכענען נעמען פון
גלידער פון מענטשלעכן קערפּער און דער־
קלער זיי אין יידיש.

ג ע נ י ט ו נ ג 6. שאַף דעם מענלעכן מין לויטן מוסטער און
דערקלער די ווערטער אין יידיש.

סַקְרָנִית — סַקְרָן. נאַכקוקערין — נאַכקוקער.
צַיְתָנִית —
פַּטְפְּטָנִית —
קַנְאָתָנִית —
מְמַשְׁמְשָׁנִית —
פַּרְסָנִית —

ג ע נ י ט ו נ ג 7. שטעל צו דעם הי הַיְדִיעָה צו די ווײַ־טערדיקע סובסטאַנטיוון און דערקלער זיי אין ייִדיש לויטן מוסטער.

פֶּה — הַפֶּה; מויל — דאָס מויל.

לֵב —

יָד —

צֵלָע —

נֶפֶשׁ —

כָּתוּב —

בְּרִיוֹת —

> דער באַשטימטער אַרטיקל ווערט אין העברעיש פאַרטראָטן מיט אַ ה. מען רופט אים הי הַיְדִיעָה.
> דער ה באַטייט דער, די, דאָס, דעם.
> אין דער מערהײַט פאַלן קומט דער הי מיט אַ פַּתַח.

ג ע נ י ט ו נ ג 8. שטעל צו דעם הי הַיְדִיעָה צו די ווײַטער־דיקע סובסטאַנטיוון און דערקלער זיי אין ייִדיש לויטן מוסטער.

אוֹזֶן — הָאוֹזֶן; — אויער — דאָס אויער

עַיִן —

רֶגֶל —

הַר —

אָדָם —

עוֹלָם —

> אויב דער הי הַיְדִיעָה קומט פאַר די אותיות א, ה, ע, ר. קומט ער געפּינטלט מיט אַ קָמֶץ.

גענימונג 9. שטעל צו דעם הי הַיְדִיעָה צו די ווייִ־
טערדיקע סובסטאַנטיוון און דערקלער זיי
אין יידיש לויטן מוסטער:

חָכָם — הֶחָכָם; — אַ קלוגער — דער קלוגער

חָצֵר —

עָצֵל —

הָרִים —

עָשִׁיר —

עָנִי —

חָתָן —

אויב דער הי הַיְדִיעָה קומט פאַר די אותיות ה, ח, ע, וואָס זיינען געפינטלט מיט אַ קָמֶץ קומט ער מיט אַ סֶגול. למשל: הָרִים — הֶהָרִים, חָתָן — הֶחָתָן.

הַצֵּלָע וְהָאִשָּׁה

אָמַר לוֹ קֵיסָר לְרַבָּן גַּמְלִיאֵל: — אֱלוֹהֵיכֶם גַּנָּב הוּא, שֶׁנֶּאֱמַר:

„וַיַּפֵּל אֱלוֹהִים תַּרְדֵּמָה עַל הָאָדָם וַיִּישָׁן, וַיִּקַּח אַחַת מִצַּלְעוֹתָיו“...

אָמְרָה לוֹ בִתּוֹ: — הַנִּיחֵהוּ וַאֲנִי אֲשִׁיבֶנּוּ!

אָמְרָה לוֹ לַקֵּיסָר: — תֵּן לִי דּוּכָּס אֶחָד!

אָמַר לָהּ: — לָמָּה לָךְ?

אָמְרָה לוֹ: — לִיסְטִים בָּאוּ עָלֵינוּ הַלַּיְלָה וְנָטְלוּ מִמֶּנּוּ קִיתוֹן שֶׁל כֶּסֶף וְהִנִּיחוּ לָנוּ קִיתוֹן שֶׁל זָהָב.

אָמַר לָהּ: וּלְוַאי שֶׁיָּבוֹאוּ עָלֵינוּ בְּכָל יוֹם.

אָמְרָה לוֹ: — וְלֹא יָפֶה הָיָה לוֹ לְאָדָם הָרִאשׁוֹן שֶׁנָּטְלוּ מִמֶּנּוּ צֵלָע אַחַת וְנָתְנוּ לוֹ אִשָּׁה בִּמְקוֹמָהּ.

די ריפּ און די פֿרוי

האָט אַ קייסער געזאָגט צו רַבָּן גַּמְלִיאֵל: — אײַער גאָט איז אַ גַּנָּב, ווײַל עס איז געזאָגט געוואָרן (אין דער תּוֹרָה):

„און גאָט האָט געלאָזט פֿאַלן אַ טיפֿן שלאָף אויף דעם מענטשן און ער איז אײַנגעשלאָפֿן, און ער האָט גענומען איינע פֿון זײַנע ריפּן...”

האָט געזאָגט צו אים זײַן טאָכטער: — לאָז אים און איך וועל אים ענטפֿערן!

האָט זי געזאָגט צום קייסער: — גיב מיר אַ ריכטער!

האָט ער צו איר געזאָגט: — צו וואָס דאַרפֿסטו אים?

האָט זי אים געענטפֿערט: — רויבער זײַנען געקומען אויף אונדז די נאַכט און זיי האָבן צוגענומען בײַ אונדז אַ זילבערנעם קרוג און אונדז איבערגעלאָזן אַ גאָלדענעם קרוג.

האָט ער צו איר געזאָגט: — הַלְוַאי זאָלן זיי קומען אויף אונדז אַלע טאָג.

האָט זי אים געזאָגט: — איז דען נישט בעסער געווען פֿאַר אָדם הָרִאשׁוֹנען וואָס מען האָט בײַ אים צוגענומען איין ריפּ און מען האָט אים געגעבן אַ פֿרוי אויף איר אָרט.

צ ע נ י ט ו נ ג 10. שרייב איבער די וויטערדיקע זאַצן און דערקלער זיי אין יידיש.

א. אֱלוֹהֵיכֶם גַנָב הוּא.

ב. אֲנִי ד׳ אֱלוֹהֵיכֶם.

ג. וַיַפֵּל אֱלוֹהִים תַּרְדֵמָה עַל הָאָדָם.

ד. וְהִנֵה תַּרְדֵמָה גְדוֹלָה נוֹפֶלֶת עָלָיו.

ה. הַנִיחֵהוּ וַאֲנִי אֲשִׁיבֶנוּ.

ו. וְהִנִיחוּ לָנוּ קִיתוֹן שֶׁל זָהָב.

ז. וְנָטְלוּ מִמֶנוּ קִיתוֹן שֶׁל כֶּסֶף.

ח. לִיסְטִים בָּאוּ עָלֵינוּ הַלַיְלָה.

ט. וּלְוַאי שֶׁיָבוֹאוּ עָלֵינוּ בְּכָל יוֹם.

צ ע נ י ט ו נ ג 11. שטעל צו דעם ה׳ הַיְדִיעָה צו די וויטערדיקע סובסטאַנטיוון, שטעל די ריכטיקע נקודות און דערקלער זיי אויף יידיש.

קֵיסָר, גַנָב, אֱלוֹהִים, אָדָם, בַּת, דוּכָּס, לִיסְטִים, לַיְלָה, קִיתוֹן, כֶּסֶף, זָהָב, יוֹם, צֵלָע, אִשָׁה, תַּרְדֵמָה.

נעמען פון זאַכן רופן מיר סובסטאַנטיוון (זאַכווערטער) אין העברעיש — שְׁמוֹת־עֶצֶם

שְׁקִיעָה רִאשׁוֹנָה שֶׁל חַמָה

יוֹם שֶׁנִבְרָא בּוֹ אָדָם הָרִאשׁוֹן, כֵּיוָן שֶׁשָׁקְעָה עָלָיו חַמָה אָמַר: — אוֹי לִי, שֶׁבִּשְׁבִיל שֶׁסָרַחְתִּי עוֹלָם חָשַׁךְ בַּעֲדִי וְחוֹזֵר לְתוֹהוּ וָבוֹהוּ, וְזוֹ הִיא מִיתָה שֶׁנִקְנְסָה עָלַי מִן הַשָׁמַיִם.

הָיָה יוֹשֵׁב בְּתַעֲנִית וּבוֹכֶה כָּל הַלַּיְלָה וְחַוָּה בּוֹכָה כְּנֶגְדּוֹ. וְכֵיוָן שֶׁעָלָה עַמּוּד הַשַּׁחַר, אָמַר: — מִנְהָגוֹ שֶׁל עוֹלָם הוּא, עָמַד וְהִקְרִיב שׁוֹר.

דער ערשטער זון-פאַרגאַנג [שקיעה]

אין דעם טאָג וואָס אָדם הָראשון איז געבוירן געוואָרן, אַז די זון איז פאַרגאַנגען, האָט ער געזאָגט: — ווי איז מיר, וואָרום ווײַל איך האָב געזינדיקט, איז די וועלט פאַרפינצטערט געוואָרן פאַר מיר און קערט זיך אום צו תוהו וָבוהו, און דאָס איז דער טויט וואָס איז ניגזר געוואָרן אויף מיר פון הימל.

איז ער געזעסן און האָט געפאַסט און האָט געוויינט אַ גאַנצע נאַכט און חוה האָט געוויינט אַנטקעגן אים. און אַז עס איז אויפגעגאַנגען דער מאָרגנשטערן, האָט ער געזאָגט: — אַזוי איז דער סדר פון דער וועלט. ער האָט זיך געשטעלט און האָט מקריב געווען אַן אָקס.

געניטונג 12. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע זאַצן אויף דערקלערער זיי אין ייִדיש.

א. אָדָם רָאָה אֶת הַשְּׁקִיעָה הָרִאשׁוֹנָה שֶׁל הַחַמָּה.

ב. בִּשְׁבִיל שֶׁסָּרַחְתִּי עוֹלָם חָשַׁךְ בַּעֲדִי.

ג. הָעוֹלָם חוֹזֵר לְתוֹהוּ וָבוֹהוּ.

ד. וְהָאָרֶץ הָיְתָה תוֹהוּ וָבוֹהוּ

ה. הַמִּיתָה נִקְנְסָה עָלָיו מִן הַשָּׁמַיִם.

ו. רַבִּי צָדוֹק יָשַׁב בְּתַעֲנִית אַרְבָּעִים יוֹם.

ז. אָדָם וְחַוָּה יָשְׁבוּ בְּתַעֲנִית כָּל הַלַּיְלָה.

**גְּ עֶ נִ י טֶ ו נ ג 13. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע ווערטער־
פאָרלעך און דערקלער זיי אין יידיש.**

אָדָם וְחַוָּה	שִׁמְעוֹן וּרְאוּבֵן
אַבְרָהָם וְשָׂרָה	יִשָּׂשכָר וּזְבוּלוּן
יִצְחָק וְרִבְקָה	יוֹסֵף וּבִנְיָמִין
יַעֲקֹב וְלֵאָה	סָפֵק וּוַדַּאי
רְאוּבֵן וְשִׁמְעוֹן	אַהֲרֹן וּמִרְיָם
אוֹר וְחוֹשֶׁךְ	מָרָק וּפֵרוֹת
יוֹם וָלַיְלָה	לֵוִי וִיהוּדָה

דער וָו פון צווייטן וואָרט רופט זיך וָו הַחִיבּוּר און באַטייט: און. אין דער מערהײַט פאַלן ווערט ער געפינטלט מיט אַ שְׁוָא(:), לְמָשָׁל אָדָם וְחַוָּה. פאַר אַן אָות וואָס האָט אַ שְׁוָא ווערט דער וָו הַחִיבּוּר געפינטלט מיט אַ שוּרוּק (מְלוּפֶּם) לְדָוָגמא: שִׁמְעוֹן וּרְאוּבֵן.

פאַר די אותיות ב, ו, מ, פ ווערט ער אויך געפינטלט מיט אַ שוּרוּק (מלופם). פאַר שְׁוָא יוד מיט אַ חִירִיק, למשל: לֵוִי וִיהוּדָה.

הָ א וֹ ר

אָמַר רַבִּי יוֹסֵי: — הָאוֹר עָלָה בְּמַחֲשַׁבְתּוֹ שֶׁל
אֱלוֹהִים לְהִבָּרְאוֹת בְּעֶרֶב־שַׁבָּת וְלֹא נִבְרָא עַד
מוֹצָאֵי־שַׁבָּת וּבְמוֹצָאֵי־שַׁבָּת נָתַן הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־
הוּא דֵּעָה בְּאָדָם הָרִאשׁוֹן מֵעֵין דוּגְמָא שֶׁל
מַעְלָה וְהֵבִיא שְׁנֵי רְעָפִים וְהִקִּישָׁם זֶה לָזֶה וְיָצָא

מֵהֶם אוֹר וּבֵרֵךְ עָלָיו:
בָּרוּךְ אַתָּה יְהוָה אֱלֹהֵינוּ, מֶלֶךְ הָעוֹלָם, בּוֹרֵא מְאוֹרֵי הָאֵשׁ.

דאָס פײַער

האָט רַבִּי יוֹסֵי געזאָגט: — דאָס פײַער איז געווען אין גאָטס געדאַנק צו באַשאַפֿן ווערן נאָך עֶרֶב־שַׁבָּת, און עס איז נישט באַשאַפֿן געוואָרן ביז מוֹצָאֵי־שַׁבָּת. און מוֹצָאֵי־שַׁבָּת האָט הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא אַרײַנגעגעבן אַ געדאַנק אָדָם הָרִאשׁוֹנען, עפּעס ווי אַן אינספּיראַציע פֿון אויבן (הימל) *) און ער האָט געבראַכט צוויי שטיינער און האָט זיי געריבן איינעם אין צווייטן און עס איז אַרויס פֿון זיי אַ פֿײַער און ער האָט אויף אים אַ בְּרָכָה געמאַכט:

געבענטשט ביסטו גאָט, אונדזער גאָט, דער מֶלֶךְ פֿון דער וועלט, וואָס באַשאַפֿט דאָס ליכט פֿון פֿײַער.

ג ע נ י ט ו נ ג 14. שרײַב איבער אין דײַן העפֿט די אַגָּדָה „הָ א ו ר" און פֿינטל אונטער ריכטיק דעם וָ ו הַ חִ י בּ ו ר.

ג ע נ י ט ו נ ג 15. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע זאַצן און דערקלער זיי אין ייִדיש.

א. בְּמַחְשַׁבְתּוֹ שֶׁל אֱלוֹהִים עָלָה לִבְרוֹא אֶת הָאֵשׁ.
ב. הָאוּר נִבְרָא בְּמוֹצָאֵי שַׁבָּת.
ג. הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא נָתַן דֵּעָה בְּאָדָם הָרִאשׁוֹן.
ד. אָדָם הֵבִיא שְׁנֵי רְעָפִים.
ה. הוּא הִקִּישׁ אֶת הָרְעָפִים זֶה לָזֶה.
ו. מִן הָרְעָפִים יָצָא אֵשׁ.
ז. אָדָם בֵּרֵךְ עַל הָאֵשׁ.
ח. הָאָב מְבָרֵךְ עַל הַיַּיִן.

*) די חָכמה צו באַנוצן פֿײַער איז אַזוי גרויס, אַז נאָר אַ געטלעכער גײַסט האָט עס געקענט אויסלערנען דעם מענטשן.

ג ע נ י ט ו נ ג 16. שטעל צו דעם פּאַסיקן סינאָנים פֿון דעם צווייטן זײַלכל.

אוֹר	קִיתוֹן
דֵעָה	גַּזְלָנִים
רְעָפִים	הַשֶּׁמֶשׁ זָרְחָה
תַּעֲנִית	הַשֶּׁמֶשׁ בָּאָה
שַׁחַר	בּוֹקֶר
לִיסְטִים	צוֹם
כַּד	אֲבָנִים
הַשֶּׁמֶשׁ עָלְתָה	מַחֲשָׁבָה
הַשֶּׁמֶשׁ שָׁקְעָה	אֵשׁ

ג ע נ י ט ו נ ג 17. צעטייל די ווײַטערדיקע שְׁ מ ו ת ־ עֶ צֶ ם (סובסטאַנטיוון) לויט זייערע מינים:

אָב, אֵם, בַּת, בֵּן, יֶלֶד, יַלְדָּה, אִשָּׁה, אִישׁ, שְׁכֵנָה, שָׁכֵן, אַלְמָן, אַלְמָנָה, חָתָן, כַּלָּה, בָּחוּר, בְּתוּלָה, זָקֵן, זְקֵנָה, חָבֵר, חֲבֵרָה.

סובסטאַנטיוון וואָס באַצייכענען לעבעדיקע באַשעפֿענישן פֿון מענלעכן געשלעכט געהערן צום מענלעכן מין.

סובסטאַנטיוון וואָס באַצייכענען לעבעדיקע באַשעפֿענישן פֿון ווייבלעכן געשלעכט געהערן צום ווייבלעכן מין.

יום שמתמעט והולך...

כֵּיוָן שֶׁרָאָה אָדָם הָרִאשׁוֹן שֶׁהַיָּמִים מִתְמַעֲטִים וְהוֹלְכִים אָמַר: - אוֹי לִי, שֶׁמָּא בִּשְׁבִיל שֶׁסָּרַחְתִּי עוֹלָם חָשֵׁךְ בַּעֲדִי וְחוֹזֵר לְתוֹהוּ וָבוֹהוּ וְזוֹ הִיא מִיתָה שֶׁנִּקְנְסָה עָלַי מִן הַשָּׁמָיִם.

יָשַׁב שְׁמוֹנָה יָמִים בְּתַעֲנִית וּבִתְפִילָּה.

כֵּיוָן שֶׁבָּאָה תְקוּפַת טֵבֵת וְרָאָה שֶׁהַיָּמִים מַאֲרִיכִים וְהוֹלְכִים אָמַר: - מִנְהָגוֹ שֶׁל עוֹלָם הוּא. הָלַךְ וְעָשָׂה שְׁמוֹנָה יָמִים טוֹבִים.

דער טאָג ווערט קירצער

אַז אָדָם הָרִאשׁוֹן האָט דערזען, אַז די טעג ווערן קירצער, האָט ער געזאָגט: — ווײ איז מיר, אפשר דערפאַר, ווײַל איך האָב געזינדיקט איז די וועלט פאַרפינצטערט געוואָרן פאַר מיר און קערט זיך אום צוריק צו תּוֹהו וָבוֹהו, און דאָס איז דער טויט וואָס איז נִגזַר געוואָרן אויף מיר פון הימל.

איז ער געזעסן אַכט טעג און האָט געפאַסט און האָט תּפִילָה געטאָן.

אַז ס'איז געקומען די טֵבֵת־תּקוּפָה (סוף ווינטער) און ער האָט באַמערקט אַז די טעג פאַרלענגערן זיך האָט ער געזאָגט: — אַזוי איז דער סדר פון דער וועלט. איז ער געגאַנגען און האָט געמאַכט אַכט טעג יוֹם־טוֹב.

גענימונג 18. צעטייל די ווייטערדיקע שְׁמוֹת־עֶצֶם לויט זייערע מינים.

תְּפִילָּה, מַחֲשָׁבָה, מִנְהָג, עוֹלָם, מִיתָה, תְּקוּפָה, דֵעָה, יוֹם, אוֹר, חוֹשֶׁך, תַּעֲנִית, קִיתוֹן, רָעָה, בּוֹקֶר, תַּרְדֵּמָה, שַׁבָּת, מַחְבֶּרֶת, שָׁעָה, עֵת.

אויך נישט לעבעדיקע זאַכן קענען געהערן צום מענלעכן אָדער צום ווײַבלעכן מין.

די שְׁמוֹת־עֶצֶם וואָס ענדיקן זיך אויף ־ָה און אויף — ת געהערן צום ווייבלעכן מין.

גענימונג 19. צעטייל די ווייטערדיקע שְׁמוֹת־עֶצֶם לויט זייערע מינים.

עַיִן, אוֹזֶן, פֶּה, רֹאשׁ, לֵב, יָד, רֶגֶל, אֶצְבַּע, שֵׁן, קֶרֶן, כָּנָף, אַף, יְרוּשָׁלַיִם, יָפוֹ, מֶכְּסִיקוֹ, פָּרַס, בָּבֶל, וִילְנָה, אַנְגְּלִיָה, צָרְפַת.

נעמען פון אֵיברים וואָס זיינען דאָ ביי לעבעדיקע באַשעפענישן מער ווי איינס געהערן צום ווײַבלעכן מין.

אייניקע אויסנעמען

1. די ווייטערדיקע ווערטער זיינען פון מין נְקֵבָה, הגם זיי האָבן ניט די אויבנדערמאָנטע סִימָנִים:

אֶבֶן, אֶרֶץ, אֵשׁ, בְּאֵר, בֶּטֶן, גָּדֵר, גֶּפֶן, גּוֹרֶן, דְּיוֹ, חֶרֶב, כּוֹס, כַּף, לָשׁוֹן, מַחַט, נֶפֶשׁ, עִיר, עֶצֶם, עֶרֶשׂ, פַּעַם, צִפַּרְדֵעַ, צִפּוֹר, סַכִּין.

2. די ווײַטערדיקע ווערטער זײַנען פון מענלעכן מין, הגם זיי האָבן סִימָנִים פון ווײַבלעכן מין:

בַּיִת, זַיִת, מָוֶת, מוֹפֵת, לַיְלָה.

קַיִן וְהֶבֶל

א

„וַיֹּאמֶר קַיִן אֶל הֶבֶל אָחִיו“
אָמַר קַיִן לְהֶבֶל: – בּוֹא וְנַחֲלֵק אֶת הָעוֹלָם!
אָמַר לוֹ: – הֵן.
נָטַל הֶבֶל אֶת הַצֹּאן וְקַיִן אֶת הַקַּרְקָעוֹת
וְהִתְנוּ בֵּינֵיהֶם שֶׁלֹּא יְהֵא לָזֶה עַל זֶה כְּלוּם.
הִתְחִיל הֶבֶל לִרְעוֹת אֶת הַצֹּאן.
אָמַר לוֹ קַיִן: – אֲדָמָה זוֹ שֶׁאַתָּה עוֹמֵד עָלֶיהָ
שֶׁלִּי!
אָמַר לוֹ הֶבֶל: – צֶמֶר זֶה שֶׁאַתָּה לָבוּשׁ שֶׁלִּי!
זֶה אוֹמֵר: – חֲלוֹץ! וְזֶה אוֹמֵר: – פְּרַח!
מִתּוֹךְ כָּךְ –
„וַיָּקָם קַיִן אֶל הֶבֶל אָחִיו“.

קַיִן און הֶבֶל

א

„האָט קַיִן געזאָגט צו הֶבלען זײַן ברודער“
האָט קַיִן געזאָגט צו הֶבלען: — קום און לאָמיר צעטײלן די װעלט!
האָט ער צו אים געזאָגט: — גוט.
האָט הֶבל גענומען די שאָף און קַיִן די ערד, און זײ האָבן אָפּגע־
מאַכט צװישן זיך, אַז אײנער צום אַנדערן האָט גאָרנישט.

האָט הֶבל אָנגעהויבן צו פּיטערן די שאָף.
האָט געזאָגט צו אים קַיִן: — די ערד, וואָס דו שטייסט אויף
איר איז מיינע!
האָט געזאָגט צו אים הֶבל: — די וואָל (פון די קליידער) וואָס
דו ביסט אָנגעטאָן איז מיינע!
דער זאָגט: — „טו אויס!" און דער זאָגט: — „פלי!"
און פון דעם —
„איז קַיִן אויפגעשטאַנען קעגן זיין ברודער הֶבלען"

ב

הִתְחִיל קַיִן רוֹדֵף אַחֲרָיו מֵהַר לְבִקְעָה וּמִבִּקְעָה לְהַר, עַד שֶׁנֶּאֶחֱזוּ זֶה בָּזֶה וְנִצַּח הֶבֶל אֶת קַיִן וְנָפַל תַּחְתָּיו.

וּכְשֶׁרָאָה קַיִן כָּךְ, הִתְחִיל צוֹוֵחַ:

— הֶבֶל אָחִי! שְׁנֵינוּ בָּעוֹלָם, מָה אַתָּה הוֹלֵךְ וְאוֹמֵר לְאַבָּא?...

נִתְמַלֵּא עָלָיו הֶבֶל רַחֲמִים וְהִנִּיחוֹ.

מִיָּד עָמַד עָלָיו קַיִן וַהֲרָגוֹ.

וְהֵיאַךְ הֲרָגוֹ?

נָטַל אֶבֶן וְעָשָׂה בוֹ פְּצִיעוֹת־פְּצִיעוֹת, חַבּוּרוֹת־חַבּוּרוֹת בְּיָדָיו וּבְרַגְלָיו, שֶׁלֹּא הָיָה יוֹדֵעַ מֵהֵיכָן נְשָׁמָה יוֹצֵאת, עַד שֶׁהִגִּיעַ לְצַוָּארוֹ וָמֵת.

ב

האָט קַין אָנגעהויבן זיך יאָגן נאָך אים פון באַרג אין טאָל און פון טאָל צום באַרג ביז זיי האָבן זיך אָנגענומען איינער אין דעם אַנדערן, און הבל האָט באַזיגט קינען און ער (קַין) איז געפאַלן אונטער אים.

אַז קַין האָט דאָס דערזען, האָט ער אָנגעהויבן צו שרײַען:

— הֶבל, מײַן ברודער! אין צווייען זײַנען מיר אויף דער וועלט, וואָס וועסטו גיין זאָגן דעם טאַטן?...

איז ער געוואָרן פול מיט רַחמָנוּת אויף אים און האָט אים אָפּגעלאָזן.

באַלד איז אויפגעשטאַנען קַין קעגן אים און האָט אים דערהרגעט.

און ווי אַזוי האָט ער אים דערהַרגעט?

ער האָט גענומען אַ שטיין און האָט געמאַכט מיט אים וווּנדן אויף ווּנדן, בײַלן אויף בײַלן אויף זײַנע הענט און פיס, ווײַל ער האָט נישט געוווּסט דורך וואַנען די נְשָמָה גייט אַרויס, ביז ער איז צוגעקומען צום האַלדז און ער איז געשטאָרבן.

ג

כֵּיוָן שֶׁהֲרָגוֹ אָמַר: — אֶבְרַח מִפְּנֵי אָבִי וְאִמִּי, שֶׁאֵין מְבַקְּשִׁים אוֹתוֹ אֶלָּא מִמֶּנִּי, שֶׁאֵין אַחֵר בָּעוֹלָם אֶלָּא אֲנִי וָהוּא.

מִיָּד נִגְלָה עָלָיו הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא, אָמַר לוֹ: — מִפְּנֵי אֲבוֹתֶיךָ אַתָּה יָכוֹל לִבְרוֹחַ, מִפָּנַי אֵין אַתָּה יָכוֹל. „אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ?“ — „אֵי הֶבֶל אָחִיךָ?“.

אָמַר לוֹ קַיִן: — לֹא יָדַעְתִּי, מָה אַתָּה מְבַקְּשׁוֹ אֶצְלִי? אֲנִי מְבַקְּשׁוֹ אֶצְלְךָ!

ב

אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: — „רָשָׁע, קוֹל דְּמֵי אָחִיךָ צוֹעֲקִים אֵלַי מִן הָאֲדָמָה!“

מָשָׁל לְאֶחָד שֶׁנִּכְנַס לְגִנָּה וְלָקַט תּוּתִים וְאָכַל. וְהָיָה בַּעַל הַגִּנָּה רָץ אַחֲרָיו, אָמַר לוֹ: — מַה בְּיָדְךָ? אָמַר לוֹ: אֵין בְּיָדִי כְּלוּם. אָמַר לוֹ: וַהֲלוֹא יָדֶיךָ מְלוּכְלָכוֹת...

אוֹ לְאֶחָד שֶׁנִּכְנַס לְמִרְעֶה וְחָטַף גְּדִי אֶחָד וְהִפְשִׁילוֹ לַאֲחוֹרָיו. הָיָה בַּעַל הַמִּרְעֶה רָץ אַחֲרָיו אָמַר לוֹ: — מַה בְּיָדְךָ? אָמַר לוֹ: אֵין בְּיָדִי כְּלוּם, אָמַר לוֹ: וַהֲלוֹא הוּא מְפַעֶה אַחֲרֶיךָ...

ג

אַז ער האָט אים דערהרגעט, האָט ער געטראַכט: — איך וועל אַנטלויפן פון מײַן פאָטער און מײַן מוטער, ווײַל זיי וועלן אים נישט זוכן נאָר בײַ מיר, ווײַל עס איז נישטאָ קיין אַנדערער אויף דער וועלט נאָר איך און ער.

באַלד האָט זיך באַוויזן צו אים הקדוש־ברוך־הוא און האָט צו אים געזאָגט: פון דײַנע עלטערן קענסטו אַנטלויפן, פון מיר קענסטו עס נישט. „צי קען זיך באַהאַלטן אַ מענטש אין פאַרבאָרגענישן, אַז איך זאָל אים נישט זען?“ — „ווו איז הבל דײַן ברודער?“

האָט קין צו אים געזאָגט: איך ווייס נישט, וואָס זוכסטו אים בײַ מיר? איך היט אים בײַ דיר!

האָט הקדוש־ברוך־הוא צו אים געזאָגט: — „רשע, דאָס קול פון דײַן ברודערס בלוט שרײַט צו מיר פון דער ערד!“

עס איז אַ משל צו איינעם וואָס איז אַרײַן אין אַ (פרעמדן) גאָרטן און האָט אָנגעקליבן רויטע יאַגעדעס און האָט געגעסן. איז דער בעל־הבית פון גאָרטן געלאָפן נאָך אים און אים געזאָגט: — וואָס האָסט

אין האַנט? האָט ער אים געזאָגט: — איך האָב גאָרנישט אין מײַן האַנט. האָט ער (דער בעל־הבית) אים געזאָגט: — דײַנע הענט זײַנען דאָך אײַנגעשמירט...

אָדער (עס איז ענלעך) צו אײנעם, וואָס איז אַרויפגעקומען אויף אַ פּיטערפלאַץ און געכאַפּט אַ ציגעלע און האָט עס פאַרוואָרפן אַהינ־טער זיך. איז אים דער בעל־הבית פון פּיטערפלאַץ נאָכגעלאָפן און זאָגט אים: — וואָס האָסטו אין דײַן האַנט? האָט ער אים געזאָגט: — איך האָב אין מײַן האַנט גאָרנישט. זאָגט ער (דער בעל־הבית) צו אים: — אָט מעקעט עס דאָך הינטער דיר...

ד

דָּבָר אַחֵר. כָּךְ אָמַר קַיִן: — „הֲשׁוֹמֵר אָחִי אָנֹכִי?“ — אַתָּה הוּא שׁוֹמֵר כָּל הַבְּרִיּוֹת וְאַתָּה מְבַקְשׁוֹ מִיָּדִי?

מָשָׁל לְמָה הַדָּבָר דּוֹמֶה? לְגַנָּב שֶׁגָּנַב כֵּלִים בַּלַּיְלָה וְלֹא נִתְפַּשׂ. לַבּוֹקֶר תְּפָשׂוֹ הַשּׁוֹעֵר, אָמַר לוֹ: — לָמָּה גָּנַבְתָּ אֶת הַכֵּלִים? אָמַר לוֹ הַגַּנָּב: אֲנִי גַּנָּב וְלֹא הִנַּחְתִּי אוּמָנוּתִי, אֲבָל אַתָּה — אוּמָנוּתְךָ לִשְׁמוֹר בַּשַּׁעַר, לָמָּה הִנַּחְתָּ אוּמָנוּתְךָ וְלֹא שָׁמַרְתָּ?

וְאַף קַיִן כָּךְ אָמַר: — אֲנִי הֲרַגְתִּי אוֹתוֹ — בָּרָאתָ בִּי יֵצֶר הָרָע; אַתָּה שׁוֹמֵר אֶת הַכּוֹל וְלִי הִנַּחְתָּ לְהָרְגוֹ? אַתָּה הוּא שֶׁהֲרַגְתּוֹ! שֶׁאִלּוּ

קִבַּלְתָּ קָרְבָּנִי כְּמוֹתוֹ לֹא הָיִיתִי מִתְקַנֵּא בוֹ.

מִיַּד הֱשִׁיבוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: — „מֶה עָשִׂיתָ? קוֹל דְּמֵי אָחִיךָ צוֹעֲקִים“...

ד

אַן אַנדער זאַך. אַזוי האָט געזאָגט קין: — „בין איך דען דער שומר פון מיין ברודער?“ דו ביסט דער שומר פון אַלע באַשעפענישן און דו זוכסט אים ביי מיר?

אַ משל, צו וואָס איז די זאַך ענלעך? צו אַ גנב וואָס האָט געגנבעט כּלים ביינאַכט און איז נישט געכאַפּט געוואָרן. אין דער פרי כאַפּט אים דער טויער־היטער, זאָגט ער אים: — פאַר וואָס האָסטו צוגעגנ־בעט די כּלים? האָט ער (דער גנב) אים געזאָגט: איך בין אַ גנב, האָב איך מיין אַרבעט נישט פאַרלאָזן, אָבער דו — דיין אַרבעט איז דאָך צו היטן ביים טויער, פאַר וואָס האָסטו פאַרלאָזן דיין אַרבעט און נישט געהיט?

און אויך קין האָט אַזוי געזאָגט: — איך האָב אים דערהרגעט — דו האָסט אין מיר באַשאַפן אַ יצר הרע; דו היטסט אָפּ אַלעמען און מיר האָסטו געלאָזט אים הרגענען? דו ביסט דער וואָס האָסט אים געהרגעט! ווען דו וואָלסט אויפגענומען מיין קרבן ווי זיינעם, וואָלט איך אים נישט מקנא געווען.

באַלד האָט אים הקדוש־ברוך הוא געענטפערט: „וואָס האָסטו געטאָן? דאָס קול פון דיין ברודערס בלוט שרייט... *)

---

*) קינס טענות: אויב גאָט פירט אָן מיט די מעשים פון יעדן מענטשן, טאָ פאַר וואָס קומט דעם מענטשן אַ שטראָף פאַר שלעכטס טאָן? עס איז דאָך פון גאָט באַשערט?

ענטפערט גאָט: — אין די גוטע און שלעכטע מעשים איז שולדיק דער מענטש.

ה

אָמַר לוֹ קַיִן: – רִיבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם! לֹא יָדַעְתִּי וְלֹא רָאִיתִי הָרוּג מִימַי. וְכִי הָיִיתִי יוֹדֵעַ, שֶׁאֲנִי מַכֵּהוּ בְּאֶבֶן וְהוּא מֵת?

וְעוֹד אָמַר לְפָנָיו: – רִיבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם! יֵשׁ לְפָנֶיךָ דֵּלָטוֹרִים שֶׁמַּלְשִׁינִים אֶת הָאָדָם לְפָנֶיךָ? אָבִי וְאִמִּי הֲרֵי הֵם בָּאָרֶץ וְאֵינָם יוֹדְעִים שֶׁאֲנִי הֲרַגְתִּיו, וְאַתָּה בַּשָּׁמַיִם – מִנַּיִן אַתָּה יוֹדֵעַ?

אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: – שׁוֹטֶה! כָּל הָעוֹלָם כּוּלּוֹ אֲנִי סוֹבֵל.

אָמַר לוֹ קַיִן: – כָּל הָעוֹלָם כּוּלּוֹ אַתָּה סוֹבֵל, וַעֲווֹנִי אֵינְךָ יָכוֹל לִסְבּוֹל? „גָּדוֹל עֲווֹנִי מִנְּשׂוֹא!“

אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: – הוֹאִיל וְעָשִׂיתָ תְּשׁוּבָה, צֵא וּגְלֵה מִן הַמָּקוֹם הַזֶּה.

מִיָּד – „וַיֵּצֵא קַיִן מִלִּפְנֵי יְיָ וַיֵּשֶׁב בְּאֶרֶץ נוֹד“.

ה

האָט קַיִן צו אים געזאָגט: — רִיבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם! איך האָב נישט געוווּסט און איך האָב קיין מאָל נישט געזען קיין געהַרגעטן; צי דען זשע האָב איך געוווּסט, אַז ווען איך שלאָג אים מיט אַ שטיין וועט ער שטאַרבן?

און נאָך האָט ער צו אים געזאָגט: — רִיבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם! צי האָס־טו נאָכשפּירער וואָס פאַרמֶסְרן דעם מענטשן פאַר דיר? מיַין טאַטע און מיַין מאַמע זיַינען אויף דער ערד און זיי ווייסן נישט, אַז איך האָב אים געהַרגעט, און דו אין הימל — פון וואַנען ווייסטו עס?

האָט הַקָדוֹש־בָּרוּך־הוּא צו אים געזאָגט: — שׁוֹטֶה, די גאַנצע וועלט טראָג איך דאָך!

האָט קַיִן צו אים געזאָגט: די גאַנצע וועלט טראָגסטו און מיַין זינד קענסטו נישט פאַרטראָגן?

„מיַין זינד איז צו גרויס צו פאַרטראָגן זי!"

האָט הַקָדוֹש־בָּרוּך־הוּא צו אים געזאָגט: — וויַיל דו האָסט תְּשוּ־בָה געטאָן, טאָ גיי אַרויס און ווער פאַרטריבן פון דעם אָרט.

באַלד — „איז קַיִן אַרויסגעגאַנגען פון פאַר גאָט און האָט זיך באַזעצט אין לאַנד „נוד" (וואָגלעניש).

ו

כְּשֶׁיָּצָא, כָּל מָקוֹם שֶׁהָיָה הוֹלֵךְ, הָיְתָה הָאָרֶץ מִזְדַעְזַעַת מִתַּחְתָּיו. וְהָיוּ חַיּוֹת וּבְהֵמוֹת מִזְדַעְזְעוֹת וְאוֹמְרוֹת: — מַהוּ זֶה?

אוֹמְרוֹת זוֹ לָזוֹ: — קַיִן הָרַג אֶת הֶבֶל אָחִיו וְגָזַר הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא עָלָיו: — „נָע וָנָד תִּהְיֶה!" נֵלֵךְ אֶצְלוֹ וְנֹאכְלֶנּוּ. וְהָיוּ מִתְכַּנְּסוֹת

וּבָאוֹת אֶצְלוֹ לִתְבּוֹעַ דָּמוֹ שֶׁל הֶבֶל.
בְּאוֹתָהּ שָׁעָה זָלְגוּ עֵינָיו דְּמָעוֹת וְאָמַר:
„אָנָה אֵלֵךְ מֵרוּחֶךָ וְאָנָה מִפָּנֶיךָ אֶבְרָח?
אִם אֶסַּק שָׁמַיִם, שָׁם אָתָּה, וְאַצִּיעַ שְׁאוֹל — הִנֶּךָ;
אֶשָּׂא כַנְפֵי שַׁחַר, אֶשְׁכְּנָה בְּאַחֲרִית יָם —
גַּם שָׁם יָדְךָ תַנְחֵנִי וְתֹאחֲזֵנִי יְמִינֶךָ.“

ו

ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען (וואַנדערן), האָט אין יעדן אָרט ווו ער איז געגאַנגען — די ערד געציטערט אונטער אים. און די חַיוֹת און בְּהֵמוֹת האָבן געציטערט און געפרעגט: — וואָס איז דאָס?

האָט איינע צו דער צווייטער געזאָגט: קַיִן האָט דערהַרגעט הֶבלען זיַין ברודער, האָט גאָט אויף אים גוֹזֵר געווען: „נָע וָנָד זאָלסטו זיַין“, לאָמיר גיין צו אים און אים אויפעסן. האָבן זיי זיך צונויפגעזאַמלט און זיַינען געקומען צו אים אויפמאָנען הֶבלס (פאַרגאָסן) בלוט.

אין יענער ציַיט זיַינען גערונען טרערן פון זיַינע אויגן און ער האָט געזאָגט:

„וווהין זאָל איך אַוועקגיין פון דיַין גיַיסט,
און וווהין זאָל איך פון דיַין פָּנים אַנטלויפן?
זאָל איך אַרויפגיין אין הימל, ביסטו דאָרטן,
און זאָל איך מיר אויסבעטן אין אונטערערד — ערשט ביסט דאָ.
זאָל איך זיך טראָגן מיט די פליגלען פון באַגינען,
זאָל איך רוען אין עק פון יַם,
וועט אויך דאָרטן מיך פירן דיַין האַנט,
און עס וועט מיך האַלטן דיַין רעכטע האַנט.“

געניטונג 20. שרייב איבער די וויטערדיקע פראגעס און ענטפער אויף זיי אין העברעיש.

א. מַה אָמַר קַיִן אֶל הֶבֶל אָחִיו?
ב. מַה נָטַל הֶבֶל?
ג. מַה נָטַל קַיִן?
ד. מַה הִתְנוּ בֵּינֵיהֶם?
ה. מִי רָדַף אֶת הֶבֶל?
ו. מִי נִצַּח בָּרִאשׁוֹנָה?
ז. מַה אָמַר קַיִן בְּנָפְלוֹ תַּחַת הֶבֶל אָחִיו?

געניטונג 21. שרייב איבער די וויטערדיקע זאצן און דערקלער זיי אין יידיש.

א. הֵם הִתְנוּ בֵּינֵיהֶם שֶׁלֹּא יְהֵא לָזֶה עַל זֶה כְּלוּם.
ב. תְּנָאִי לַחָכְמָה שְׁתִיקָה.
ג. הֶבֶל רָעָה אֶת הַצֹּאן.
ד. קַיִן עָבַד אֶת הָאֲדָמָה.
ה. הוּא עָשָׂה בּוֹ פְּצִיעוֹת-פְּצִיעוֹת, חַבּוּרוֹת-חַבּוּרוֹת.
ו. פֶּצַע תַּחַת פֶּצַע, חַבּוּרָה תַּחַת חַבּוּרָה.

געניטונג 22. שטעל צו דעם פאסיקן סינאָנים פון דעם צווייטן זייַלכל.

נָטַל	לָקַח
קַרְקָעוֹת	מַלְשִׁינִים
שֶׁנֶּאֶחֱזוּ	שֶׁהֶחֱזִיקוּ
צוֹוֵחַ	הָרַג
הֵמִית	צוֹעֵק
בְּרַח!	אֲדָמָה
דֵּלָטוֹרִים	עוּף!

געניטונג 23. שאַף דער ווײַבלעכן מין לויטן מוסטער.

אִישׁ — אִשָּׁה   חָבֵר — חֲבֵרָה

נַעַר —   פַּר —

שָׁכֵן —   אַלְמָן —

זָקֵן —   דּוֹד —

געניטונג 24. פֿאַרענדיק די שורות לויטן מוסטער און דערקלער זיי אין יִדיש.

אִישׁ טוֹב — אִשָּׁה טוֹבָה

נַעַר גָּדוֹל —

שָׁכֵן קָרוֹב —

חָבֵר רַע —

פַּר לָבָן —

דּוֹד טוֹב —

מֶלֶךְ עָשִׁיר —

> די אַדיעקטיוון וואָס באַצייכענען סובסטאַנטיוון פֿון ווײַבלעכן מין באַקומען די ענדונג — ה.

געניטונג 25. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע זאַצן און דערקלער זיי אין יִדיש.

א. אֵי הֶבֶל אָחִיךָ?

ב. הֲשׁוֹמֵר אָחִי אָנֹכִי?

ג. גָּדוֹל עֲווֹנִי מִנְּשׂוֹא!

ד. נָע וָנָד תִּהְיֶה בָּאָרֶץ!

ה. מֶה עָשִׂיתָ? קוֹל דְּמֵי אָחִיךָ צוֹעֲקִים אֵלַי מִן הָאֲדָמָה!

געניטונג 26. לערן אויס די דאָזיקע זאַצן אויף אויסווייניק.

קְבוּרָה רִאשׁוֹנָה

כְּשֶׁנֶּהֱרַג הֶבֶל הָיָה מוּטָל בַּשָּׂדֶה וְדָמוֹ מוּשְׁלָךְ עַל הָעֵצִים וְעַל הָאֲבָנִים, וְהַכֶּלֶב שֶׁהָיָה מְשַׁמֵּר צֹאנוֹ שֶׁל הֶבֶל הָיָה מְשַׁמֵּר נִבְלָתוֹ מִכָּל חַיּוֹת הַשָּׂדֶה וְעוֹף הַשָּׁמַיִם.

בָּאוּ אָדָם וְחַוָּה וְיָשְׁבוּ כְּנֶגְדּוֹ וְהָיוּ בּוֹכִים וּמִתְאַבְּלִים עָלָיו וְלֹא הָיוּ יוֹדְעִים מַה לַּעֲשׂוֹת לְהֶבֶל.

עוֹרֵב אֶחָד, שֶׁמֵּת חֲבֵרוֹ, אָמַר: — אֲנִי מְלַמֵּד לְאָדָם זֶה מַה לַּעֲשׂוֹת. נָטַל אֶת חֲבֵרוֹ וְחָפַר בּוֹר בָּאָרֶץ לְעֵינֵיהֶם וּקְבָרוֹ.

אָמַר אָדָם: — כָּעוֹרֵב זֶה נַעֲשֶׂה. מִיָּד נָטַל נִבְלָתוֹ שֶׁל הֶבֶל וּקְבָרָהּ בָּאָרֶץ.

די ערשטע קבוּרה

אַז הֶבל איז געהַרגעט געוואָרן איז ער געבליבן ליגן אין פעלד און זײַן בלוט איז געווען פאַרשפּריצט אויף די ביימער און שטיינער, און דער הונט וואָס האָט געהיט הֶבלס שאָף האָט געהיט זיין טויטן גוף פון אַלע חַיות פון פעלד און פייגל פון הימל.

זיינען געקומען אָדָם און חַוָּה און האָבן זיך געזעצט אַנטקעגן אים, האָבן געוויינט און געטרויערט און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט הֶבלען.

איין ראָב, וואָס זיין חַבר איז געשטאָרבן, האָט געזאָגט: — איך

ווײַל דעם מענטשן אויסלערנען וואָס צו טאָן. ער האָט גענומען זײַן חבֿר, האָט אויסגעגראָבן אַ גרוב אין דער ערד פֿאַר זײַ אין די אויגן און האָט אים באַגראָבן.

האָט אָדם געזאָגט: ווי דער דאָזיקער ראָב וועלן מיר טאָן. באַלד האָט ער גענומען הֶבֶלס טויטן גוף און האָט אים באַגראָבן אין דער ערד.

ג ע נ י ט ו נ ג 27. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע זאַצן אין דערקלער זיי אין יידיש.

א. קַיִן הָרַג אֶת הֶבֶל וְהֶבֶל נֶהֱרַג.

ב. הַכֶּלֶב שָׁמַר אֶת צֹאנוֹ שֶׁל הֶבֶל.

ג. הַכֶּלֶב שָׁמַר אֶת נִבְלָתוֹ שֶׁל הֶבֶל.

ד. אָדָם וְחַוָּה הָיוּ בּוֹכִים וּמִתְאַבְּלִים עַל הֶבֶל.

ה. הָעוֹרֵב לִמֵּד אֶת הָאָדָם מַה לַּעֲשׂוֹת עִם גּוּפוֹ הַמֵּת שֶׁל הֶבֶל.

ג ע נ י ט ו נ ג 28. שאַף די מערצאָל פֿון די שמות־עצם לויטן מוסטער:

עֵץ — עֵצִים
גַּנָּב —
גַּזְלָן —
קִיתוֹן —
כַּד —
הַר —
שׁוֹמֵר —
מִנְהָג —

תְּשׁוּבָה — תְּשׁוּבוֹת
נְבֵלָה —
בְּרִיָּה —
תַּרְדֵּמָה —
מַחֲשָׁבָה —
דֵּעָה —
תְּפִלָּה —
תַּעֲנִית — תַּעֲנִיּוֹת

געניטונג 29. שרייב איבער דאָס ווײַטערדיקע אין דײַן העפט.

יָד – יָדַיִם	כָּתֵף – כְּתֵפַיִם
רֶגֶל – רַגְלַיִם	שָׂפָה – שְׂפָתַיִם
עַיִן – עֵינַיִם	כַּף – כַּפַּיִם
אֹזֶן – אָזְנַיִם	לְחִי – לְחָיַיִם
כָּנָף – כְּנָפַיִם	קֶרֶן – קַרְנַיִם.

> מערצאָל מענלעכער מין ווערט געשאַפן מיט דער ענדונג — ים.
> מערצאָל ווייבלעכער מין ווערט געשאַפן מיט דער ענדונג — וֹת.
> סובסטאַנטיוון וואָס באַצייכענען גלידער-פּאָרלעך האָבן אין מערצאָל די ענדונג —ַיִם.

געניטונג 30. שאַף די מערצאָל פון די סובסטאַנטיוון און אַדיעקטיוון לויטן מוסטער:

עֵץ גָּדוֹל — עֵצִים גְּדוֹלִים
שִׁיר יָפֶה —
הַר גָּבוֹהַּ —
שׁוֹמֵר טוֹב —
מִינְהָג חָדָשׁ —
גּוּף מֵת —

תְּשׁוּבָה טוֹבָה — תְּשׁוּבוֹת טוֹבוֹת —
בְּרִיָּה חֲדָשָׁה —
תַּרְדֵּמָה גְּדוֹלָה —
מַתָּנָה יָפָה —
גִּבְעָה רָמָה —

כּוֹחָהּ שֶׁל תְּשׁוּבָה

„וַיֵּצֵא קַיִן מִלִּפְנֵי יְיָ...“

— יָצָא שָׂמֵחַ. פָּגַע בּוֹ אָדָם הָרִאשׁוֹן. אָמַר לוֹ: — מַה נַּעֲשָׂה בְּדִינְךָ?

אָמַר לוֹ: — עָשִׂיתִי תְשׁוּבָה וְנִתְפַּשַּׁרְתִּי.

הִתְחִיל אָדָם הָרִאשׁוֹן מְטַפֵּחַ עַל פָּנָיו וְאָמַר: — כָּךְ הוּא כּוֹחָהּ שֶׁל תְּשׁוּבָה וַאֲנִי לֹא הָיִיתִי יוֹדֵעַ!

מִיָּד עָמַד אָדָם הָרִאשׁוֹן וְאָמַר: „מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת, טוֹב לְהוֹדוֹת לַיְיָ“

דער כּוֹחַ פון תשובה טאָן

„און קַיִן איז אַרויסגעגאַנגען פון פאַר גאָט...“

— ער איז אַרויסגעגאַנגען אַ פריילעכער. האָט אים באַגעגנט אָדם הָרִאשון. האָט ער צו אים געזאָגט: — וואָס איז געוואָרן מיט דיין מישפּט?

האָט ער אים געזאָגט: — איך האָב תשובה געטאָן און האָב זיך אויסגעגלייכט (מיט אים).

האָט אָנגעהויבן אָדם הָרִאשון זיך שלאָגן איבערן פּנים און האָט געזאָגט: — אַזאַ כּוֹחַ האָט תְּשובה טאָן און איך האָב עס נישט געוווּסט! *)

באַלד האָט זיך אָדם הָרִאשון געשטעלט און האָט געזאָגט: „מִזמור, אַ געזאַנג פאַר דעם טאָג פון שַׁבָּת, גוט איז צו לויבן גאָט...“

---

*) תשובה. די וועלט און דעם מענטשנס לעבן זיינען באַשטימט נישט דורך אַ בלינדן גורל, ווי עס האָבן געגלייבט אַנדערע, נאָר

ג ע נ י ט ו נ ג 31. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע זאַצן אין דערקלער זיי אין יידיש.

א. קַיִן יָצָא שָׂמֵחַ, פָּגַע בּוֹ אָדָם הָרִאשׁוֹן.

ב. עָשִׂיתִי תְשׁוּבָה וְנִתְפַּשַּׁרְתִּי.

ג. בִּמְקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי-תְשׁוּבָה עוֹמְדִים אֵין צַדִּיק יָכוֹל לַעֲמוֹד.

ד. אָדָם הָרִאשׁוֹן הִתְחִיל מְטַפֵּחַ עַל פָּנָיו.

ג ע נ י ט ו נ ג 32. שאַף די מערצאָל פון די ווײַטערדיקע שמות-עֶצֶם לויטן מוסטער:

כּוֹחַ — כּוֹחוֹת	לוּחַ — לוּחוֹת
אָב —	מָקוֹם —
אָרוֹן —	נְיָר —
חַלּוֹן —	נֵר —
כִּסֵּא —	פְּרִי —
לֵב —	שׁוּלְחָן —
אוֹצָר —	חוּץ —
אִילָן —	עוֹף —
גּוֹרָל —	קוֹל —

די דאָזיקע שְמות-עֶצֶם זײַנען פון מין זָכָר און האָבן די ענדונג אין מערצאָל — וֹת.

דורך זײַן פירונג און זײַנע מַעשׂים. טאַקע ווי דאָס פאָלקס-ווערטל: „ווי מען גרייט זיך צו עֶרב שַבת, אַזוי האָט מען שבת"; „ווי מען בעט זיך אויס, אַזוי שלאָפט מען".

אַז אַ מענטש איז גובר אין זיך דאָס שלעכטס און ער ווערט בעסער, ווערט אים פרייַלעכער. ער איז גליקלעך און זײַן לעבן ווערט איים אַ סך גרינגער.

גענימונג 33. שאַף די מערצאָל פון די ווייטערדיקע שמות־עצם לויטן מוסטער.

אֶבֶן — אֲבָנִים	נְמָלָה — נְמָלִים
בֵּיצָה —	עִיר
חִטָּה —	פְּנִינָה
יוֹנָה —	שׁוֹשַׁנָּה
מִלָּה —	תְּאֵנָה
שָׁנָה —	צִפּוֹר — צִפֳּרִים

> די דאָזיקע שמות־עֶצם זיינען פון מִין נְקֵבָה און האָבן די ענדונג — ים.

נֹחַ אִישׁ צַדִּיק בְּדוֹרוֹתָיו

"נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדוֹרוֹתָיו".

אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן: "בְּדוֹרוֹתָיו" וְלֹא בְדוֹרוֹת אֲחֵרִים;

וְרֵישׁ לָקִישׁ אָמַר: — "בְּדוֹרוֹתָיו" — כָּל שֶׁכֵּן בְּדוֹרוֹת אֲחֵרִים.

אָמַר רַבִּי חֲנִינָא: — מָשָׁל שֶׁל רַבִּי יוֹחָנָן לְמָה הַדָּבָר דּוֹמֶה? לְחָבִית שֶׁל יַיִן שֶׁהָיְתָה מוּנַחַת בְּמַרְתֵּף שֶׁל חוֹמֶץ; בִּמְקוֹמָהּ רֵיחָהּ נוֹדֵף. שֶׁלֹּא בִּמְקוֹמָהּ אֵין רֵיחָהּ נוֹדֵף.

אָמַר רַב הוֹשַׁעְיָא: — מָשָׁל שֶׁל רֵישׁ־לָקִישׁ לְמָה הַדָּבָר דּוֹמֶה? לִצְלוֹחִית שֶׁל פְּלְיָטוֹן שֶׁהָיְתָה מוּנַחַת בִּמְקוֹם הַטִּינוֹפֶת. בִּמְקוֹמָהּ רֵיחָהּ נוֹדֵף, וְכָל־שֶׁכֵּן בִּמְקוֹם הַבּוֹשֶׂם.

נוח א צדיק אין זײַנע דורות

„נוח איז געווען אַ גערעכטער, ערלעכער מאַן אין זײַנע דורות"..

האָט געזאָגט רַבִּי יוֹחָנָן: — „אין ז ײַ נ ע דורות" אָבער ניט אין אַנדערע דורות.

און רֵיש לָקִיש האָט געזאָגט: — „אין ז ײַ נ ע דורות" אַ פְּשִׁיטָא שוין (געווים) אין אַנדערע דורות.

האָט רַבִּי חֲנִינָא געזאָגט: — אַ מָשָׁל צו רַבִּי יוֹחָנָנס געדאַנק; צו וואָס איז די זאַך געגליכן? צו אַ פאַס ווײַן וואָס איז געלעגן אין אַ קעלער פון עסיק (פעסער); אין דעם אָרט שלאָגט איר רֵיחַ, אין אַ צווייטן אָרט שלאָגט נישט איר רֵיחַ.

האָט רַבִּי הוֹשַׁעְיָא געזאָגט: — אַ מָשָׁל צו רֵיש־לָקִישעס געדאַנק; צו וואָס איז די זאַך געגליכן? צו אַ פלעשל שמעקעדיקן אייל, וואָס איז געלעגן אין אַן אומריינעם אָרט. אין דעם אָרט שלאָגט זיין רֵיחַ, אַ פְּשִׁיטָא שוין אין אַן אָרט פון בְּשָׂמִים.

ג ע נ י ט ו נ ג 34. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע זאַצן און דערקלער זיי אין יִידיש:

א. נֹחַ הָיָה צַדִּיק בְּדוֹרוֹתָיו.

ב. חָבִית שֶׁל יַיִן הָיְתָה מוּנַחַת בַּמַּרְתֵּף.

ג. צְלוֹחִית שֶׁל בְּשָׂמִים הָיְתָה מוּנַחַת בָּאָרוֹן.

ד. רֵיחָם שֶׁל הַבְּשָׂמִים נוֹדֵף.

ה. גַּם רֵיחַ הַיַּיִן נוֹדֵף.

געניטונג 35. שאַף די מערצאָל פֿון די סובסטאַנטיוון לויטן מוסטער.

צדיק — צדיקים	ריח — ריחות
מרתף —	דוד —
משל — משלים	מקום —
דבר —	חבית — חביות
זקן —	צלוחית —

געניטונג 36. שרײַב איבער דאָס ווײַטערדיקע און דערקלער עס אין ייִדיש.

גן שלי — גני - י	גן שלנו — גנ — נו
גן שלך — גנ — ך	גן שלכם — גנ — כם
גן שלך — גנ — ך	גן שלכן גנ — כן
גן שלו — גנ — ו	גן שלהם גנ — ם
גן שלה — גנ — ה	גן שלהן גנ — ן

געניטונג 37. בייג די ווײַטערדיקע שמות־עצם לויט דעם מוסטער פֿון גן.

בר, סכין, עט, שיר, שולחן סל, תפוח, עץ, דג, סוס.

געניטונג 38. שרײַב איבער דאָס ווײַטערדיקע און דערקלער עס אין ייִדיש.

גנים שלי — גנ — י	גנים שלנו — גנ — ינו
גנים שלך — גנ — יך	גנים שלכם — גנ — יכם
גנים שלך — גנ — יך	גנים שלכן — גנ — יכן
גנים שלו — גנ — יו	גנים שלהם — גנ — יהם
גנים שלה — גנ — יה	גנים שלהן — גנ — יהן

געניטונג 39. בייג די ווײַטערדיקע שמות־עצם לויטן מוסטער פֿון גנים:

פרים, סכינים, עטים, שירים, סלים תפוחים, עצים, דגים, סוסים.

שֶׁקֶר בַּתֵּבָה

אָמַר רַ' לֵוִי: – כְּשָׁעָה שֶׁאָמַר הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא לְנֹחַ: כְּנוֹס לְךָ שְׁנַיִם־שְׁנַיִם מִכָּל מִין וָמִין בַּתֵּבָה, בָּאוּ כּוּלָּם אֶל נֹחַ וְנִכְנְסוּ כָּל אֶחָד וְאֶחָד עִם זִיווּגוֹ.

בָּא שֶׁקֶר וְרָצָה לְהִכָּנֵס. אָמַר לוֹ נֹחַ: – אִי אַתָּה יָכוֹל לְהִכָּנֵס, אֶלָּא אִם כֵּן אַתָּה נוֹשֵׂא לְךָ בַּת־זוּג.

הָלַךְ שֶׁקֶר וּבִקֵּשׁ לוֹ בַּת־זוּג.

פָּגַע בִּמְאֵרָה. – אָמְרָה לוֹ: – מֵהֵיכָן אַתָּה בָּא?

– אָמַר לָהּ: – מֵאֵצֶל נֹחַ, שֶׁהָיִיתִי רוֹצֶה לְהִכָּנֵס לַתֵּבָה וְלֹא הִנִּיחַנִי אִם כֵּן אֶלָּא יֵשׁ לִי בַּת־זוּג. רְצוֹנֵךְ הֱוִי בַּת־זוּגִי!

– אָמְרָה לוֹ: – וּמָה אַתָּה נוֹתֵן לִי?

– אָמַר לָהּ: – אֲנִי מִתְקַן עִמָּךְ, שֶׁכָּל מַה שֶּׁאֲנִי מְסַגֵּל אַתְּ נוֹטֶלֶת.

שָׁמְעָה לוֹ וְנִכְנְסוּ שְׁנֵיהֶם לַתֵּבָה.

כֵּיוָן שֶׁיָּצְאוּ מִן הַתֵּבָה — הָיָה שֶׁקֶר הוֹלֵךְ וּמְכַנֵּס, וּמְאֵרָה נוֹטֶלֶת רִאשׁוֹן רִאשׁוֹן.

בָּא שֶׁקֶר וְאָמַר לָהּ: — הֵיכָן כָּל מַה שֶּׁסִּגַּלְתִּי?

אָמְרָה לוֹ: — וְכִי לֹא כָּךְ הוּתְנָה בֵּינֵינוּ, שֶׁכָּל מַה שֶּׁאַתָּה מְכַנֵּס אֲנִי נוֹטֶלֶת?

לֹא הָיָה לוֹ פִּתְחוֹן פֶּה.

לְכָךְ נֶאֱמַר: „וְהָרָה עָמָל וְיָלַד שָׁקֶר“.

הֲמָשָׁל אוֹמֵר: שֶׁקֶר מוֹלִיד וּמְאֵרָה נוֹטֶלֶת.

דער שֶׁקֶר אין דער תֵּבָה

האָט געזאָגט רַבִּי לֵוִי: — אין דער צייט ווען גאָט האָט געזאָגט צו נֹחַ: נעם אַריין צו צוויי פון יעדן מין אין דער תֵּבָה, זיינען אַלע (באַשעפעניש) געקומען צו נֹחַ אין יעדער איינער איז אַריינגע־גאַנגען מיט זיין פּאָר.

איז געקומען דער שֶׁקֶר און האָט געוואָלט אַריינגיין. האָט אים נֹחַ געזאָגט: — דו קענסט נישט אַריינגיין נאָר סיידן דו נעמסט זיך אַ פּאָר.

איז געגאַנגען דער שֶׁקֶר און האָט זיך געזוכט אַ פּאָר.

האָט ער באַגעגנט די קְלָלָה. האָט זי צו אים געזאָגט: — פון וואַנען קומסטו?

האָט ער צו איר געזאָגט: — פון נֹחַ, וואָרום איך האָב געוואָלט אַריינגיין אין דער תֵּיבָה און ער האָט מיך נישט אַריינגעלאָזן סיידן נאָר איך האָב אַ פּאָר. ווילסטו, זיי מיין פּאָר!

האָט זי צו אים געזאָגט: — און וואָס גיסטו מיר?

האָט ער צו איר געזאָגט: — איך מאַך אָפּ מיט דיר, אַז אַלץ וואָס איך וועל זיך דערווערבן זאָלסטו צונעמען.

האָט זי אים געפּאָלגט און זיי זײַנען ביידע אַרײַן אין דער תּיבֿה.

אַז זיי זײַנען אַרויס פֿון דער תּיבֿה האָט דער שקר אָנגעהויבן צו זאַמלען און די קללה האָט עס צוגענומען איינציקווײַז.

איז דער שקר געקומען און האָט צו איר געזאָגט: — ווּ איז אַלץ וואָס איך האָב זיך דערוואָרבן?

האָט זי צו אים געזאָגט: — צי דען זשע איז נישט אַזוי אָפּגעמאַכט געוואָרן צווישן אונדז, אַז אַלץ וואָס דו זאַמלסט אײַן נעם איך צו?

האָט ער איר נישט געהאַט וואָס צו ענטפֿערן (פּתחון פּה).

דעריבער איז געזאָגט געוואָרן: „געטראָגן אומרעכט און געבאָרן פֿאַלשקייט".

דער שפּריכוואָרט זאָגט: וואָס שקר געווינט נעמט די קללה מיטן ווינט. *).

גענינטונג 40. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע זאַצן און דערקלער זיי אין יידיש.

א. כְּנוֹס לְךָ שְׁנַיִם שְׁנַיִם מִכָּל מִין וָמִין בַּתֵּבָה.
ב. כָּל אֶחָד וְאֶחָד נִכְנַס עִם זִיווּגוֹ.
ג. גַּם שֶׁקֶר רָצָה לְהִכָּנֵס.
ד. שֶׁקֶר לָקַח לוֹ בַּת-זוּג.
ה. שֶׁקֶר תִּקֵּן עִם מְאֵרָה, שֶׁכָּל מַה שֶּׁהוּא מְסַגֵּל הִיא נוֹטֶלֶת.
ו. וְכִי לֹא כָּךְ הוּתְנָה בֵּינֵינוּ שֶׁכָּל מַה שֶּׁאַתָּה מְכַנֵּס אֲנִי נוֹטֶלֶת.
ז. לֹא הָיָה לוֹ פִּתְחוֹן פֶּה.
ח. אַל תִּפְתַּח פֶּה לַשָּׂטָן.
ט. וַיִּפְתַּח ד' אֶת פִּי הָאָתוֹן.

---

*) עס קען נישט זײַן קיין מזל־ברכה אין דעם וואָס אַ מענטש האָט געקראָגן דורך שקר. סוף־כּל־סוף גייט עס אַוועק מיט אַ קללה.

ג ע נ י ט ו נ ג 41. שרײַב צו דעם פּאַסיקן סינאָנים פון דעם צווייטן זײַלכל.

פָּגַע	מֵאַיִן
מֵהֵיכָן	חִפֵּשׂ
רוֹצֶה	לוֹקֵחַ
חָוִי	בַּת זוּג
מְסֻגָּל	הָבֵא
כְּנוֹס	בָּאוּ
נִכְנְסוּ	מְכַנֵּס
זִוּוּג	הֱיֵה
נוֹשֵׂא	חָפֵץ
בַּקֵּשׁ	פָּגַשׁ

ג ע נ י ט ו נ ג 42. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע כִּנוּיִים.

יָ ח ִ י ד

תֵּבָה שֶׁלִּי — תֵּבָתִ־י	תֵּבָה שֶׁלָּנוּ — תֵּבָתֵ־נוּ
תֵּבָה שֶׁלְּךָ — תֵּבָתְ־ךָ	תֵּבָה שֶׁלָּכֶם — תֵּבַתְ־כֶם
תֵּבָה שֶׁלָּךְ — תֵּבָתֵ־ךְ	תֵּבָה שֶׁלָּכֶן — תֵּבַתְ־כֶן
תֵּבָה שֶׁלּוֹ — תֵּבָת־וֹ	תֵּבָה שֶׁלָּהֶם — תֵּבָתָ־ם
תֵּבָה שֶׁלָּהּ — תֵּבָתָ־הּ	תֵּבָה שֶׁלָּהֶן — תֵּבָתָ־ן

ר ַ ב ִּ י ם

תֵּבוֹת שֶׁלִּי — תֵּבוֹתַ־י	תֵּבוֹת שֶׁלָּנוּ — תֵּבוֹתֵ־ינוּ
תֵּבוֹת שֶׁלְּךָ — תֵּבוֹתֶ־יךָ	תֵּבוֹת שֶׁלָּכֶם — תֵּבוֹתֵ־יכֶם
תֵּבוֹת שֶׁלָּךְ — תֵּבוֹתַ־יִךְ	תֵּבוֹת שֶׁלָּכֶן — תֵּבוֹתֵ־יכֶם
תֵּבוֹת שֶׁלּוֹ — תֵּבוֹתָ־יו	תֵּבוֹת שֶׁלָּהֶם — תֵּבוֹתֵ־יהֶם
תֵּבוֹת שֶׁלָּהּ — תֵּבוֹתֶ־יהָ	תֵּבוֹת שֶׁלָּהֶן — תֵּבוֹתֵ־יהֶן

געניטונג 43. בייג די ווײַטערדיקע סובסטאַנטיוון לויטן מוסטער פון תֵּבָה־תֵּבוֹת.

מִטָּה — מִטּוֹת, סַפָּה — סַפּוֹת, מְנוֹרָה — מְנוֹרוֹת, תַּלְמִידָה — תַּלְמִידוֹת — תְּמוּנָה — תְּמוּנוֹת, אֲבֵדָה — אֲבֵדוֹת, עֲבוֹדָה — עֲבוֹדוֹת.

געניטונג 44. שרײַב איבער דאָס ווײַטערדיקע.

יָחִיד

שָׂדֶה שֶׁלִּי — שָׂדִי	שָׂדֶה שֶׁלָּנוּ — שָׂדֵנוּ
שָׂדֶה שֶׁלְּךָ — שָׂדְךָ	שָׂדֶה שֶׁלָּכֶם — שְׂדֵכֶם
שָׂדֶה שֶׁלָּךְ — שָׂדֵךְ	שָׂדֶה שֶׁלָּכֶן — שְׂדֵכֶן
שָׂדֶה שֶׁלּוֹ — שָׂדֵהוּ (שָׂדוֹ)	שָׂדֶה שֶׁלָּהֶם — שָׂדָם (שְׂדֵהֶם)
שָׂדֶה שֶׁלָּהּ — שָׂדָהּ	שָׂדֶה שֶׁלָּהֶן — שָׂדָן (שְׂדֵהֶן)

רַבִּים

שָׂדוֹת שֶׁלִּי — שְׂדוֹתַי	שָׂדוֹת שֶׁלָּנוּ — שְׂדוֹתֵינוּ
שָׂדוֹת שֶׁלְּךָ — שְׂדוֹתֶיךָ	שָׂדוֹת שֶׁלָּכֶם — שְׂדוֹתֵיכֶם
שָׂדוֹת שֶׁלָּךְ — שְׂדוֹתַיִךְ	שָׂדוֹת שלכן — שְׂדוֹתֵיכֶן
שָׂדוֹת שֶׁלּוֹ — שְׂדוֹתָיו	שָׂדוֹת שֶׁלָּהֶם — שְׂדוֹתֵיהֶם
שָׂדוֹת שֶׁלָּהּ — שְׂדוֹתֶיהָ	שָׂדוֹת שֶׁלָּהֶן — שְׂדוֹתֵיהֶן

געניטונג 45. בייג די ווײַטערדיקע סובסטאַנטיוון לויט מוסטער פון שָׂדֶה־שָׂדוֹת.

מוֹרֶה — מוֹרִים, עָלֶה — עָלִים, מַרְאֶה — מַרְאוֹת, מַעֲשֶׂה מַעֲשִׂים.

הַיּוֹנָה וַעֲלֵה הַזַּיִת

„וְהִנֵּה עֲלֵה זַיִת טָרָף בְּפִיהָ“.

אָמְרָה יוֹנָה לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: — רִיבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, יִהְיוּ מְזוֹנוֹתַי מְרוּרִים כַּזַּיִת וּמְסוּרִים בְּיָדְךָ, וְאַל יִהְיוּ מְתוּקִים כִּדְבַשׁ וּמְסוּרִים בְּיַד בָּשָׂר וָדָם.

די טויב און די אײלבערטבלאַט

„און אָט אַן אָפּגעריסן אײלבערטבלאַט אין איר מויל“.

— האָט די טויב געזאָגט פאַר הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: רִיבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, זאָל מײַן שפּײַז זײַן ביטער ווי אַן אײלבערט (נישט קײן קאָנסערווירטע, רויע) און איבערגעגעבן אין דײַן האַנט, און נישט זײַן זיס ווי האָניק און איבערגעגעבן אין דער האַנט פון אַ מענטשן.

געניטונג 46 שרײַב איבער די וויכטיקע זאַצן און דערקלער זיי אין ייִדיש.

א. הַיּוֹנָה הֵבִיאָה עֲלֵה זַיִת בְּפִיהָ.

ב. נֹחַ הֵבִיא בְּכָל יוֹם מְזוֹנוֹת לַחַיּוֹת וְלָעוֹפוֹת.

ג. עַל הַמַּאֲכָלִים מְבָרְכִים: „בּוֹרֵא מִינֵי מְזוֹנוֹת“

ד. יִהְיוּ מְזוֹנוֹתַי מְרוּרִים כַּזַּיִת וּמְסוּרִים בְּיָדְךָ.

ה. הַמִּצְרִים מֵרְרוּ אֶת חַיֵּי הַיְּהוּדִים.

ו. בְּפֶסַח אוֹכְלִים מַצָּה וּמָרוֹר.

ז. וְאַל יִהְיוּ מְתוּקִים כִּדְבַשׁ וּמְסוּרִים בְּיַד בָּשָׂר־וָדָם.

געניטונג 47. בײַג די וויכטיקע שמות־עֶצֶם לויט זייערע מִנְיָנִים.

יוֹנָה — יוֹנִים, מָזוֹן — מְזוֹנוֹת, זַיִת — זֵיתִים.

כַּרְמוֹ שֶׁל נֹחַ

כְּשֶׁהִתְחִיל נֹחַ נוֹטֵעַ, בָּא שָׂטָן וְעָמַד לְפָנָיו.

אָמַר לוֹ: — מָה אַתָּה נוֹטֵעַ?

— אָמַר לוֹ: — כֶּרֶם.

— אָמַר לוֹ הַשָּׂטָן: — מַה טִּיבוֹ?

— אָמַר לוֹ: — פֵּרוֹתָיו מְתוּקִים בֵּין לַחִים וּבֵין יְבֵשִׁים וְעוֹשִׂין מֵהֶם יַיִן הַמְשַׂמֵּחַ לְבָבוֹת.

— אָמַר לוֹ הַשָּׂטָן: — רְצוֹנְךָ שֶׁנִּטָּעֶנּוּ יַחַד אֲנִי וְאַתָּה?

— אָמַר לוֹ: — הֵן.

מֶה עָשָׂה הַשָּׂטָן? הֵבִיא רְחֵלָה וּשְׁחָטָהּ עַל הַגֶּפֶן; אַחַר־כָּךְ הֵבִיא אֲרִי וּשְׁחָטוֹ עָלֶיהָ; אַחַר כָּךְ הֵבִיא חֲזִיר וּשְׁחָטוֹ עָלֶיהָ — וְהִטִּיף דְּמֵיהֶם וְהִשְׁקָה בָּהֶם אוֹתוֹ הַכֶּרֶם.

רָמַז לוֹ: — כְּשֶׁאָדָם שׁוֹתֶה כּוֹס אַחַת — הֲרֵי הוּא כִּרְחֵלָה עָנָו וּשְׁפַל רוּחַ. כְּשֶׁהוּא שׁוֹתֶה שְׁתֵּי כוֹסוֹת — מִיָּד נַעֲשֶׂה גִּבּוֹר כָּאֲרִי וּמַתְחִיל לְדַבֵּר גְּדוֹלוֹת וְאוֹמֵר: מִי כָּמוֹנִי? כֵּיוָן שֶׁשָּׁתָה שָׁלוֹשׁ

אז ארבע כוסות — מיד הוא נעשה כקוף: עומד ומרקד ומשחק ומנבל פיו לפני הכל ואינו יודע מה יעשה. נשתכר — נעשה כחזיר: מתלכלך בטיט ומוטל באשפה.
וכל זה ארע לנוח הצדיק.

נוחם ווייַנגאַרטן

אַז נוח האָט אָנגעהויבן צו פלאַנצן, איז געקומען דער שטן און האָט זיך געשטעלט פאַר אים.

ער האָט צו אים געזאָגט: — וואָס פלאַנצסטו?

— האָט ער אים געזאָגט: — אַ ווייַנגאָרטן.

— האָט אים דער שטן געפרעגט: — וואָס גוטס אין אים?

— האָט ער אים געענטפערט: — זייַנע פרוכטן זייַנען זיסע, סיי פרישע סיי טרוקענע (ראָזשינקעס) און מען מאַכט פון זיי ווייַן וואָס דערפרייט הערצער.

— האָט געזאָגט צו אים דער שטן: — ווילסטו, אַז מיר זאָלן אים פלאַנצן צוזאַמען איך און דו?

— האָט ער אים געזאָגט: — יאָ!

וואָס האָט געטאָן דער שטן? האָט ער געבראַכט אַ שעפעלע און האָט עס געקוילעט אויף דעם ווייַנשטאָק; דערנאָך האָט ער געבראַכט אַ לייב און האָט אים געקוילעט אויף אים; דערנאָך האָט ער געבראַכט אַ מאַלפע און זי געקוילעט אויף אים; דערנאָך האָט ער געבראַכט אַ חזיר און אים געקוילעט אויף אים — און האָט באַשפריצט מיט זייער בלוט און אָנגעטרונקען דעם ווייַנגאָרטן.

ער האָט אים דערמיט אָנגעוויזן: אַז אַ מענטש טרינקט איין כוס, איז ער ווי אַ שעפעלע — באַשיידן און געמיטלעך; אַז ער טרינקט צוויי כוסות, ווערט ער באַלד העלדיש ווי אַ לייב, הייבט אָן צו רעדן גאַווהדיק און זאָגט: — ווער איז נאָך ווי איך? אַז ער האָט געטרונקען דרייַ אָדער פיר כוסות, ווערט ער באַלד ווי אַ מאַלפע — שטעלט זיך און טאַנצט און לאַכט און פאַרשמוצט זייַן מויל (רעדט ניבול־פה) פאַר אַלעמען און ער ווייס נישט וואָס צו טאָן. האָט ער זיך אָנגעשיכורט ווערט ער ווי אַ חזיר: שמירט זיך אויס אין בלאָטע און ליגט אין מיסט.

און דאָס אַלץ איז געשען מיט נוח הצדיק.

גענימונג 48. שרייב איבער די וויכטעדיקע זאַצן און דער־קלער זיי אין יידיש.

א. נוֹחַ נוֹטֵעַ כֶּרֶם.
ב. הָעֲנָבִים מְתוּקִים וְעוֹשִׂים מֵהֶם יַיִן.
ג. יַיִן מְשַׂמֵּחַ לְבַב אֱנוֹשׁ.
ד. רְצוֹנְךָ שֶׁנִּטָּעֶנוּ יַחַד.
ה. מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים שֶׁבֶת אַחִים גַּם יָחַד.
ו. הַשָּׂטָן שָׁחַט רְחֵלָה, אֲרִי, קוֹף וַחֲזִיר עַל הַגֶּפֶן.
ז. כְּשֶׁאָדָם שׁוֹתֶה שְׁתֵּי כוֹסוֹת, נַעֲשֶׂה גִּיבּוֹר כָּאֲרִי.
ח. רָץ כַּצְּבִי וְגִיבּוֹר כָּאֲרִי.
ט. הַקּוֹף מְרַקֵּד וּמְשַׂחֵק לִפְנֵי הַכֹּל.
י. הַחֲזִיר מִתְגַּלְגֵּל בְּטִיט וּמוּטָּל בְּאַשְׁפָּה.

גענימונג 49. שרייב צו דעם פּאַסיקן אַנטאָנים פון צווייטן זײַלכל.

עָמַד	תְּשׁוּבָה
טוֹב	לוֹקֵחַ
מָתוֹק	מָוֶת
שָׂמֵחַ	צוֹחֵק
שְׁאֵלָה	יָשַׁב
נוֹתֵן	רָע
חַיִּים	מָרוֹר
בּוֹכֶה	עָצֵב

געניטונג 50. שרײַב איבער דאָס װײַטערדיקע אין דײַן העפט.

רָצוֹן שֶׁלִּי — רְצוֹנִי
רָצוֹן שֶׁלְּךָ — רְצוֹנְךָ
רָצוֹן שֶׁלָּךְ — רְצוֹנֵךְ
רָצוֹן שֶׁלּוֹ — רְצוֹנוֹ
רָצוֹן שֶׁלָּהּ — רְצוֹנָהּ

רָצוֹן שֶׁלָּנוּ — רְצוֹנֵנוּ
רָצוֹן שֶׁלָּכֶם — רְצוֹנְכֶם
רָצוֹן שֶׁלָּכֶן — רְצוֹנְכֶן
רָצוֹן שֶׁלָּהֶם — רְצוֹנָם
רָצוֹן שֶׁלָּהֶן — רְצוֹנָן

געניטונג 51. בײג די װײַטערדיקע סובסטאַנטיװן לױטן מוסטער פֿון רָצוֹן.

דָּבָר — דְּבָרִים, מָקוֹם — מְקוֹמוֹת, שָׂכִיר — שְׂכִירִים, נָדִיב — נְדִיבִים, שָׁכֵן — שְׁכֵנִים, זָקֵן — זְקֵנִים, תָּמָר — תְּמָרִים.

געניטונג 52. שרײַב איבער דאָס װײַטערדיקע אין דײַן העפט.

כֶּרֶם שֶׁלִּי — כַּרְמִי
כֶּרֶם שֶׁלְּךָ — כַּרְמְךָ
כֶּרֶם שֶׁלָּךְ — כַּרְמֵךְ
כֶּרֶם שֶׁלּוֹ — כַּרְמוֹ
כֶּרֶם שֶׁלָּהּ — כַּרְמָהּ

כֶּרֶם שֶׁלָּנוּ — כַּרְמֵנוּ
כֶּרֶם שֶׁלָּכֶם — כַּרְמְכֶם
כֶּרֶם שֶׁלָּכֶן — כַּרְמְכֶן
כֶּרֶם שֶׁלָּהֶם — כַּרְמָם
כֶּרֶם שֶׁלָּהֶן — כַּרְמָן

געניטונג 53. בײג די װײַטערדיקע סובסטאַנטיװן לױטן מוסטער פֿון כֶּרֶם.

גֶּפֶן — גְּפָנִים, מֶלֶךְ — מְלָכִים, קֶשֶׁת — קְשָׁתוֹת, יֶלֶד — יְלָדִים, כֶּלֶב — כְּלָבִים, חֶדֶר — חֲדָרִים, דֶּלֶת — דְּלָתוֹת.

אַבְרָהָם נִצַּל מִכִּבְשַׁן הָאֵשׁ

בֵּית אָבִיו שֶׁל אַבְרָהָם הָיוּ עוֹשִׂים צְלָמִים וּמוֹכְרִים בַּשּׁוּק. יוֹם אֶחָד הִגִּיעַ לְאַבְרָהָם לִמְכּוֹר. נָתַן לוֹ תֶּרַח אָבִיו קוּפּוֹת שֶׁל אֱלוֹהוֹת וְהוֹשִׁיבוֹ בַּשּׁוּק.

בָּא אֵלָיו אָדָם אֶחָד וְאָמַר לוֹ: – יֵשׁ לְךָ אֱלוֹהַּ לִמְכּוֹר?

– אָמַר לוֹ אַבְרָהָם: – אֵיזֶה אֱלוֹהַּ אַתָּה רוֹצֶה לִיקַח?

– אָמַר לוֹ: – אֲנִי גִּיבּוֹר, תֵּן לִי אֱלוֹהַּ גִּיבּוֹר כְּמוֹתִי!

נָטַל אַבְרָהָם פֶּסֶל אֶחָד שֶׁהָיָה עוֹמֵד לְמַעְלָה מִכּוּלָּם וְאָמַר לוֹ: – תֵּן אֶת הַדָּמִים וְטוֹל לְךָ אֶת זֶה!

– אָמַר לוֹ: – וְכִי אֱלוֹהַּ זֶה גִּיבּוֹר כְּמוֹתִי?

– אָמַר לוֹ אַבְרָהָם: רֵיקָא, עֲדַיִן אֵין אַתָּה יוֹדֵעַ מִשְׁפַּט אֱלוֹהוֹת? מִי שֶׁעוֹמֵד לְמַעְלָה מִכּוּלָּם הֲרֵיהוּ גִּיבּוֹר מִכּוּלָּם!

כְּשֶׁנִּפְטַר הָאִישׁ לַהֲלוֹךְ אָמַר לוֹ אַבְרָהָם: — בֶּן כַּמָּה שָׁנִים אַתָּה?

— אָמַר לוֹ: — בֶּן שִׁבְעִים שָׁנָה אֲנִי.

— אָמַר לוֹ אַבְרָהָם: — אוֹי לוֹ לְאוֹתוֹ אִישׁ, שֶׁהוּא בֶּן שִׁבְעִים וּמִשְׁתַּחֲוֶה לֶאֱלוֹהַּ זֶה שֶׁנַּעֲשָׂה הַיּוֹם! מִיָּד הֶחֱוִיר וְהִשְׁלִיךְ הָאִישׁ אוֹתוֹ אֱלוֹהַּ לְתוֹךְ קֻפָּתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם וְחָזַר וְנָטַל מֵאַבְרָהָם אֶת דָּמָיו וְהָלַךְ לוֹ.

אברהם ווערט ניצול פון דעם קאלכאויוון

אברהמס הויזגעזינד פלעגט מאכן געצן און זיי פארקויפן אין מארק. איין טאג איז אויסגעקומען אברהמען צו פארקויפן. האט אים זיין טאטע תרח געגעבן קערב מיט געטער און האט אים אוועקגעיעגט אין מארק.

איז געקומען צו אים איין מאן און האט צו אים געזאגט: — האסטו א גאט צו פארקויפן?

— האט געזאגט צו אים אברהם: — וואסער גאט ווילסטו קויפן?

— האט ער צו אים געזאגט: — איך בין א גיבור, גיב מיר א גאט א גיבור ווי איך בין!

האט אברהם גענומען איין געץ וואס איז געשטאנען העכער פון אלעמען און האט צו אים געזאגט: — גיב דאס געלט און נעם דיר דעם דאזיקן!

— האט ער צו אים געזאגט: — איז דען דיזער דאזיקער גאט אזא גיבור ווי איך?

— האט געזאגט צו אים אברהם: — פוסטער מענטש! דו ווייסט נאך נישט דאס געזעץ פון די געטער? — ווער עס שטייט העכער פון אלעמען, דער איז שטארקער פון אלעמען!

אַז דער מענטש האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט אַוועקצוגיין, האָט אַברהם צו אים געזאָגט: — וויפל יאָר ביסטו אַלט?

— האָט ער אים געזאָגט: — זיבעציק יאָר בין איך אַלט.

האָט אים אַברהם געזאָגט: — ווי איז צו דעם מענטשן וואָס איז אַלט זיבעציק יאָר און בוקט זיך צו דעם דאָזיקן גאָט וואָס איז היינט געמאַכט געוואָרן!

באַלד האָט דער מאַן זיך אומגעקערט, האָט אַריינגעוואָרפן דעם דאָזיקן געץ אין אַברהמס קאָרב אַריין, האָט צוריקגענומען פון אַברהמען זיין געלט און איז אַוועקגעגאַנגען.

ב

אַחַר כָּךְ בָּאָה אִשָּׁה אַחַת אַלְמָנָה וְאָמְרָה לוֹ לְאַבְרָהָם: — אִשָּׁה עֲנִיָּה אֲנִי, תֵּן לִי אֱלוֹהַּ עָנִי כְּמוֹתִי!

מִיָּד נָטַל אַבְרָהָם פֶּסֶל אֶחָד, שֶׁהָיָה עוֹמֵד לְמַטָּה מִכֻּלָּם, וְאָמַר לָהּ: — בַּעֲנִיּוּתֵךְ טְלִי לָךְ אֱלוֹהַּ זֶה, שֶׁהוּא שָׁפָל וְיוֹשֵׁב לְמַטָּה מִכֻּלָּם; אֲבָל אֵין הוּא רוֹצֶה לָזוּז מִמְּקוֹמוֹ עַד שֶׁתִּתְּנִי לִי אֶת הַדָּמִים.

כְּשֶׁנִּפְטְרָה לֵילֵךְ, אָמַר לָהּ: — בַּת כַּמָּה שָׁנִים אַתְּ?

— אָמְרָה לוֹ: — בַּת הַרְבֵּה שָׁנִים אֲנִי...

— אָמַר לָהּ אַבְרָהָם: — תִּפַּח רוּחָהּ שֶׁל אוֹתָהּ אִשָּׁה, שֶׁהִיא בַּת הַרְבֵּה שָׁנִים וּמִשְׁתַּחֲוָה לֶאֱלוֹהַּ בֶּן יוֹם אֶחָד!

מִיָּד הֶחֱזִירָה אוֹתוֹ אֱלוֹהַּ לְקוּפָּה, וְנָטְלָה בַּחֲזָרָה מֵאַבְרָהָם אֶת דָּמֶיהָ וְהָלְכָה לָהּ.

ב

נאָך דעם איז געקומען אַ פרוי אַן אַלמנה און האָט געזאָגט צו אבֿרהמען: — איך בין אַן אָרעמע פרוי, גיב מיר אַ גאָט אַן אָרעמען ווי איך בין!

באַלד האָט אַברהם גענומען איין געץ וואָס איז געזעסן נידעריקער פון אַלעמען און ער האָט צו איר געזאָגט: — אין דיין אָרעמקייט נעם זיך אָט דעם גאָט וואָס איז אַ געפאַלענער און זיצט נידעריקער פון אַלעמען; אָבער ער וויל זיך נישט רירן פון זיין אָרט ביז דו וועסט מיר נישט געבן דאָס געלט.

אַז זי האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט אַוועקצוגיין האָט ער צו איר געזאָגט: — וויפל יאָר ביסטו אַלט?

— האָט זי צו אים געזאָגט: — איך בין זייער אַלט...

— האָט צו איר אַברהם געזאָגט: — זאָל די נשמה אַרויס פון אַזאַ פרוי, וואָס איז זייער אַלט און בוקט זיך צו אַ גאָט וואָס איז אַלט איין טאָג.

באַלד האָט זי אומגעקערט דעם דאָזיקן גאָט אין קאָרב אַריין, זי האָט צוריקגענומען פון אַברהמען איר געלט און איז זיך אַוועקגעגאַנגען.

ג

בְּאוֹתָהּ שָׁעָה נָטַל אַבְרָהָם אֶת כָּל הָאֱלוֹהוּת וְהָלַךְ וְהֵבִיא אוֹתָם אֵצֶל תֶּרַח אָבִיו. אָמְרוּ לוֹ שְׁאָר בָּנָיו לְתֶרַח אֲבִיהֶם: — אַבְרָהָם זֶה אֵינוֹ יָכוֹל לִמְכּוֹר אֱלוֹהוּת, בּוֹאוּ וְנַעֲשֶׂנּוּ כּוֹמֶר.

— אָמַר לָהֶם אַבְרָהָם: — מַה מְּלַאכְתּוֹ שֶׁל כּוֹמֶר?

— אָמְרוּ לוֹ: — עוֹמֵד וּמְשַׁמֵּשׁ לִפְנֵי אֱלוֹהוּת, מַקְרִיב לִפְנֵיהֶם, מַאֲכִילָם וּמַשְׁקָם.

עֲשָׂאוּהוּ כּוֹמֶר.

מִיָּד נָתַן אַבְרָהָם לִפְנֵיהֶם מַאֲכָל וּמִשְׁתֶּה, אָמַר לָהֶם: — קְחוּ וְאִכְלוּ, טְלוּ וּשְׁתוּ, שֶׁתֵּיטִיבוּ לִבְנֵי אָדָם! וְלֹא הָיָה בָּהֶם אֶחָד שֶׁהָיָה נוֹטֵל כְּלוּם לֶאֱכוֹל וְלִשְׁתּוֹת.

מִיָּד פָּתַח אַבְרָהָם וְאָמַר:

„פֶּה לָהֶם וְלֹא יְדַבֵּרוּ,
עֵינַיִם לָהֶם וְלֹא יִרְאוּ;
אָזְנַיִם לָהֶם וְלֹא יִשְׁמָעוּ,

אַף לָהֶם וְלֹא יְרִיחוּן;
יְדֵיהֶם וְלֹא יְמִישׁוּן,
רַגְלֵיהֶם וְלֹא יְהַלֵּכוּ.

ג

אין דער צייט האָט אַברהם געגומען אַלע געטער און איז געגאַנגען און האָט זיי געבראַכט צו תּרחן זײַן טאַטן. האָבן די איבעריקע קינדער געזאָגט צו תּרחן זייער פאָטער: — דער דאָזיקער אַברהם קען נישט פאַרקויפן קיין געטער, קומט און מיר וועלן אים מאַכן פאַר אַ פריסטער.

— האָט אַברהם צו זיי געזאָגט: — וואָס איז די אַרבעט פון אַ פריסטער?

— האָבן זיי צו אים געזאָגט: — ער שטייט און באַדינט די געטער, ברענגט זיי קרבנות, גיט זיי עסן און טרינקען.

האָבן זיי אים געמאַכט פאַר אַ פריסטער.

באַלד האָט אַברהם פאַר זיי אַנידערגעשטעלט עסן און טרינקען און האָט צו זיי געזאָגט: — נעמט און עסט, נעמט און טרינקט, כּדי איר זאָלט גוטס טאָן די מענטשן! און עס איז נישט געווען צווישן זיי קיין איינער וואָס זאָל נעמען עפּעס צום עסן און צום טרינקען.

באַלד האָט אַברהם אָנגעהויבן און האָט געזאָגט:

„זיי האָבן אַ מויל און רעדן נישט,

זיי האָבן אויגן און זעען נישט;

זיי האָבן אַ נאָז און שמעקן נישט,

הענט ביי זיי, אָבער זיי קענען נישט אָנטאַפּן,

פיס ביי זיי אָבער זיי קענען נישט גיין..."

ד

בָּאָה אִשָּׁה אַחַת נוֹשֵׂאת בְּיָדָהּ קְעָרָה סוֹלֶת. אָמְרָה לוֹ: – הֵילָךְ וְהַקְרֵב לִפְנֵיהֶם! עָמַד וְנָטַל מַקֵּל בְּיָדוֹ וְשִׁבֵּר אֶת כָּל הַפְּסִילִים וְנָתַן אֶת הַמַּקֵּל בְּיַד הַגָּדוֹל שֶׁבָּהֶם.

כֵּיוָן שֶׁבָּא אָבִיו, אָמַר: – מִי עָשָׂה לָהֶם כָּךְ? – אָמַר לוֹ: – מַכְסֶה אֲנִי מִמְּךָ? בָּאָה אִשָּׁה אַחַת וּבְיָדָהּ קְעָרָה מְלֵאָה סוֹלֶת וְאָמְרָה לִי: – „הֵילָךְ וְהַקְרֵב לִפְנֵיהֶם!" הִקְרַבְתִּי לִפְנֵיהֶם. הָיָה זֶה אוֹמֵר: – אֲנִי אֹכַל תְּחִלָּה, וְזֶה אוֹמֵר: – אֲנִי אֹכַל תְּחִלָּה. וְעָמַד זֶה הַגָּדוֹל שֶׁבֵּינֵיהֶם וְשִׁבֵּר אֶת כּוּלָּם.

אָמַר לוֹ תֶּרַח: – מָה אַתָּה מְשַׁטֶּה בִּי – כְּלוּם יְכוֹלִים הֵם?

אָמַר לוֹ אַבְרָהָם: – וְלֹא? יִשְׁמְעוּ אָזְנֶיךָ מַה שֶּׁפִּיךָ אוֹמֵר...

ד

איז געקומען אַ פרוי און טראָגט אין איר האַנט אַ שיסל זעמל־מעל. האָט זי צו אים געזאָגט: — נאַ דיר און זיי עס מַקריב פאַר זיי! איז ער אויפגעשטאַנען, האָט גענומען אַ שטעקן און האָט צעבראָכן אַלע געצן און האָט אַרײַנגעגעבן דעם שטעקן אין דער האַנט פון דעם גרעסטן צווישן זיי.

ווען עס איז געקומען זײַן פאָטער, האָט ער געזאָגט: — ווער האָט עס זיי דאָס געטאָן?

— האָט ער אים געזאָגט: — וועל איך עס אויסבאַהאַלטן פון טאַטן? עס איז געקומען אַ פרוי און אין איר האַנט אַ שיסל מיט זעמל־מעל און האָט מיר געזאָגט: — „נאַ דיר און זיי עס מַקריב פאַר זיי!“ האָב איך עס מַקריב געווען פאַר זיי. האָט ד ע ר געזאָגט: — איך וועל עסן פריער און ד ע ר האָט געזאָגט: — איך וועל עסן פריער. איז אויפגעשטאַנען דער דאָזיקער גרעסטער צווישן זיי און האָט זיי אַלעמען צעבראָכן.

האָט תֶּרַח צו אים געזאָגט: — וואָס חוֹזקסטו פון מיר — צי דען זשע קענען זיי עס?

האָט אַבֿרהם צו אים געזאָגט: — אויב נישט? טאָ זאָלן דײַנע אויערן הערן וואָס דאָס מויל רעדט...

ה

נְטָלוֹ תֶּרַח וּמְסָרוֹ לְנִימְרוֹד. אָמַר לוֹ נִימְרוֹד לְאַבְרָהָם: — אַתָּה הוּא אַבְרָהָם בֶּן־תֶּרַח?

אָמַר לוֹ: — הֵן.

אָמַר לוֹ נִימְרוֹד: — וְכִי אֵין אַתָּה יוֹדֵעַ, שֶׁאֲנִי אֲדוֹן כָּל הַמַּעֲשִׂים, וְהַחַמָּה וְהַלְּבָנָה וְהַכּוֹכָבִים וְהַמַּזָּלוֹת וּבְנֵי אָדָם מִלְּפָנַי יוֹצְאִים כּוּלָּם — וְאַתָּה לָמָּה אִבַּדְתָּ אֶת אֱלוֹהוּתִי?

בְּאוֹתָהּ שָׁעָה נָתַן הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא בִּינָה

לְאַבְרָהָם וְאָמַר לְנִימְרוֹד: — רְצוֹנְךָ, אֹמַר לְפָנֶיךָ דָּבָר אֶחָד לִגְדוּלָּתְךָ?

— אָמַר לוֹ: — אֱמוֹר!

— אָמַר לוֹ אַבְרָהָם: — מִנְהָגוֹ שֶׁל עוֹלָם כָּךְ הוּא, שֶׁמִּיּוֹם שֶׁנִּבְרָא הָעוֹלָם וְעַד עַכְשָׁו הַחַמָּה יוֹצֵאת בְּמִזְרָח וְשׁוֹקַעַת בְּמַעֲרָב; לְמָחָר תְּהֵא מְצַוֶּה אֶת הַחַמָּה שֶׁתֵּצֵא בְּמַעֲרָב וְתִשְׁקַע בְּמִזְרָח, וַאֲנִי מֵעִיד בְּךָ שֶׁאֲדוֹן הָעוֹלָם אָתָּה.

וְעוֹד, אִם אֲדוֹן כָּל הַמַּעֲשִׂים אַתָּה, בְּוַדַּאי כָּל הַנִּסְתָּרוֹת גְּלוּיוֹת לְךָ, אִם כֵּן אֱמוֹר לִי מִיָּד:

— מַה יֵּשׁ בְּלִבִּי וּמָה אֲנִי עָתִיד לַעֲשׂוֹת?

בְּאוֹתָהּ שָׁעָה הִנִּיחַ אוֹתוֹ רָשָׁע נִימְרוֹד יָדוֹ עַל זְקָנוֹ וְהָיָה מִתְמַהּ בְּלִבּוֹ. אָמַר לוֹ אַבְרָהָם: — אַל תִּתְמַהּ בְּלִבְּךָ, לֹא אֲדוֹן הָעוֹלָם אַתָּה, בְּנוֹ שֶׁל כּוּשׁ אַתָּה. וְאִם אֲדוֹן הָעוֹלָם אַתָּה, לָמָּה לֹא הִצַּלְתָּ אֶת אָבִיךָ מִן הַמִּיתָה? אֶלָּא כְּשֵׁם שֶׁלֹּא הִצַּלְתָּ אֶת אָבִיךָ מִן הַמִּיתָה, כָּךְ אַתָּה לֹא תִּנָּצֵל מִן הַמִּיתָה.

ה

האָט אים גענומען תֶּרַח און האָט אים איבערגעגעבן צו נימרודן. האָט נימרוד געזאָגט צו אַבְרָהמען: — דו ביסט עס אַברהם תֶּרַחס זון?

האָט ער אים געזאָגט: — יאָ.

האָט געזאָגט צו אים נימרוד: — צי דען זשע ווייסטו ניט, אַז איך בין דער האַר פון דעם גאַנצן באַשאַף, און די זון און די לְבָנָה און די שטערן און די פּלאַנעטן און די מענטשן פון מיר קומען זיי אַלע אַרויס — און דו, פאַר וואָס האָסטו אומגעבראַכט מיינע געטער?

אין דער צייט האָט גאָט אַריינגעגעבן פאַרשטאַנד אַברהמען און ער האָט געזאָגט צו נימרודן:

— זאָל זײַן דײַן ווילן, און איך וועל עפּעס זאָגן פאַר דײַן גרויס־קײַט וועגן.

— האָט ער צו אים געזאָגט: — זאָג!

— האָט געזאָגט צו אים אַברהם: — דער פיר פון דער וועלט איז אַזוי; פון זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן און ביז איצט גייט די זון אַרויס אין מיזרח און פאַרגייט אין מַעֲרָב; אויף מאָרגן, הייס די זון, אַז זי זאָל אויפגיין אין מַעֲרָב און פאַרגיין אין מיזרח, און איך וועל עֵדוּת זאָגן אויף דיר, אַז דו ביסט דער האַר פון דער וועלט.

און נאָך עפּעס: אויב דער האַר פון דעם גאַנצן באַשאַף ביסטו, געוויס זײַנען דאָך אַלע פאַרבאָרגענישן אַנטפּלעקט פאַר דיר, אויב אַזוי, טאָ זאָג מיר גלײַך: — וואָס טוט זיך בײַ מיר אין האַרצן און וואָס שטייט מיר פאָר צו טאָן?

אין דער דאָזיקער צייט האָט דער רָשָׁע נימרוד אַנידערגעלייגט זיין האַנט אויף זײַן באָרד און האָט זיך פאַרטראַכט אין זײַן האַרצן. האָט געזאָגט צו אים אַברהם: — פאַרטראַכט זיך נישט אין דײַן האַרצן, דו ביסט נישט דער האַר פון דער וועלט, דו ביסט דער זון פון כּוּשן. און אויב דו ביסט דער האַר פון דער וועלט, פאַר וואָס האָסטו נישט געראַטעוועט דײַן טאַטן פון טויט? נאָר, אַזוי ווי דו האָסט נישט געראַטעוועט דײַן טאַטן פון טויט, אַזוי וועסטו אויך ניט געראַטעוועט ווערן פון טויט.

ו

מִיָּד קָרָא נִימְרוֹד לְתֶרַח וְאָמַר לוֹ: — מַה יְהֵא דִּינוֹ שֶׁל אַבְרָהָם בִּנְךָ זֶה, שֶׁאִבֵּד אֱלוֹהוֹת

שֶׁלִּי? אֵין דִּינוֹ אֶלָּא שְׂרֵפָה.

חָזַר וְאָמַר לוֹ לְאַבְרָהָם: – הִשְׁתַּחֲוֶה לָאֵשׁ וְתִנָּצֵל!

אָמַר לוֹ אַבְרָהָם: – וְאֶשְׁתַּחֲוֶה לַמַּיִם שֶׁמְּכַבִּים אֵשׁ.

אָמַר לוֹ נִימְרוֹד: – הִשְׁתַּחֲוֶה לַמַּיִם!

אָמַר לוֹ: – אִם כֵּן אֶשְׁתַּחֲוֶה לֶעָנָן שֶׁטָּעוּן מַיִם.

אָמַר לוֹ נִימְרוֹד: – הִשְׁתַּחֲוֶה לֶעָנָן!

אָמַר לוֹ אַבְרָהָם: – אֶשְׁתַּחֲוֶה לָרוּחַ שֶׁמְּפַזֵּר הֶעָנָן.

אָמַר לוֹ: – הִשְׁתַּחֲוֶה לָרוּחַ!

אָמַר לוֹ: – אֶשְׁתַּחֲוֶה לְבֶן־אָדָם שֶׁסּוֹבֵל רוּחַ.

אָמַר נִימְרוֹד: אַתָּה מְשִׂיאֵנִי בִּדְבָרִים – אֲנִי אֵינִי מִשְׁתַּחֲוֶה אֶלָּא לָאוּר, הֲרֵי אֲנִי מַשְׁלִיכְךָ לְתוֹכוֹ – וְיָבוֹא אֱלוֹהֶיךָ שֶׁאַתָּה מִשְׁתַּחֲוֶה לוֹ וְיַצִּילְךָ הֵימֶנּוּ.

ו

באַלד האָט נימרוד געדופן תרחן און האָט צו אים געזאָגט: — וואָס זאָל זײַן די שטראָף פון אַבֿרהמען דײַן זון ,וואָס האָט אומגעבראַכט מײַנע געטער? זײַן שטראָף איז נאָר פאַרברענט צו ווערן.

האָט ער זיך אומגעדרייט און האָט געזאָגט צו אַבֿרהמען: — בוק זיך צום פײַער וועסטו געראַטעוועט ווערן!

האָט געזאָגט צו אים אַבֿרהם: — וועל איך זיך בוקן צום וואַסער, וואָס פאַרלעשט פייער.

האָט געזאָגט צו אים נימרוד: — בוק זיך צום וואַסער!

האָט ער צו אים געזאָגט: — אויב אַזוי וועל איך זיך בוקן צום וואָלקן, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט וואַסער.

האָט געזאָגט צו אים נימרוד: — בוק זיך צום וואָלקן!

האָט געזאָגט צו אים אַבֿרהם: — וועל איך זיך בוקן צום ווינט, וואָס צעטרײַבט די וואָלקנס.

האָט ער געזאָגט צו אים: — בוק זיך צום ווינט!

האָט ער צו אים געזאָגט: — וועל איך זיך בוקן צום מענטשן, וואָס באַהערשט דעם ווינט.

האָט געזאָגט צו אים נימרוד: — דו פאַררעדסט מיך מיט ווערטער —, איך בוק זיך נאָר צום פייער וועל איך דיך אַרײַנוואַרפן אַהין — און זאָל קומען דײַן גאָט, וואָס דו בוקסט זיך צו אים, און זאָל ער דיך מציל זיין פון איב.

ז

מִיָּד הוֹצִיאוּהוּ לְהַשְׁלִיכוֹ לְכִבְשַׁן הָאֵשׁ.
עֲקָדוּהוּ וְהִנִּיחוּהוּ עַל גַּבֵּי אֶבֶן, וְהִקִּיפוּהוּ
עֵצִים מֵאַרְבַּע רוּחוֹתָיו, חָמֵשׁ אַמּוֹת לְכָל צַד,

וְנַבְהֵם שֶׁל עֵצִים חָמֵשׁ אַמּוֹת, וְהִצִּיתוּ בָּהֶם אֶת הָאוּר.

בְּשָׁעָה שֶׁהִפִּיל נִמְרוֹד הָרָשָׁע אֶת אַבְרָהָם אָבִינוּ לְתוֹךְ כִּבְשַׁן הָאֵשׁ, אָמַר גַּבְרִיאֵל לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: — רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם אֵרֵד וַאֲצַנֵּן אֶת הָאֵשׁ וְאַצִּיל אֶת הַצַּדִּיק מִכִּבְשַׁן הָאֵשׁ!

אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: — אֲנִי יָחִיד בְּעוֹלָמִי, וְהוּא יָחִיד בְּעוֹלָמוֹ, נָאֶה לְיָחִיד לְהַצִּיל אֶת הַיָּחִיד.

ז

באַלד האָט מען אים אַרויסגעפירט אויף אַרײַנצוואַרפן אין קאַלכאויוון. מען האָט אים געבונדן און אַנידערגעלייגט אויף אַ שטיין און מען האָט אים אַרומגערינגלט מיט האָלץ פון אַלע זײַנע פיר זײַטן, פינף איילן פון יעדער זײַט, און די הייך פון דעם האָלץ איז אויך געווען פינף איילן און מען האָט אין דעם אָנגעצונדן דאָס פײַער.

ווען נימרוד הָרָשע האָט אַרײַנגעוואָרפן אַברהם אָבינו אין קאַלכאויוון, האָט גַבריאל געזאָגט פאַר הַקָדוש־בָרוך־הוא: — רִיבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, איך וועל אַראָפּגיין און אָפּקילן דאָס פײַער און וועל ראַטעווען דעם צַדיק פון דעם קאַלכאויוון.

האָט צו אים הַקָדוש־בָרוך־הוא געזאָגט: — איך בין איינער אין מײַן וועלט און ער איז איינער אין זײַן וועלט, פּאַסט עס פאַר דעם איינציקן מַציל צו זײַן דעם איינציקן.

גענימונג 54. שרייב איבער די ווייטערדיקע פראגעס און ענטפער אויף זיי אין העברעיש.

א. מַה הָיָה עוֹשֶׂה בֵּית אָבִיו שֶׁל אַבְרָהָם?
ב. מַה נָתַן פַּעַם אַחַת תֶּרַח לְאַבְרָהָם?
ג. מַה אָמַר הַגִּיבּוֹר לְאַבְרָהָם?
ד. מַה נָתַן לוֹ אַבְרָהָם?
ה. מַה שָׁאַל הַגִּיבּוֹר אֶת אַבְרָהָם?
ו. מַה עָנָה לוֹ אַבְרָהָם?
ז. הֲקָנָה הַגִּיבּוֹר אֶת הַפֶּסֶל?

גענימונג 55. שרייב איבער די ווייטערדיקע זאצן און דערקלער זיי אין יידיש.

א. תֵּן אֶת הַדָּמִים וְטוֹל לְךָ אֶת זֶה.
ב. דָּמִים תַּרְתֵּי מַשְׁמַע: כֶּסֶף וָדָם.
ג. מִי שֶׁעוֹמֵד לְמַעְלָה מִכּוּלָּם, הֲרֵיהוּ גִיבּוֹר מִכּוּלָּם!
ד. אוֹי לוֹ לָאִישׁ שֶׁהוּא בֶּן שִׁבְעִים וּמִשְׁתַּחֲוֶה לֶאֱלוֹהַּ שֶׁנַּעֲשָׂה הַיּוֹם!
ה. הַגִּיבּוֹר נָטַל מֵאַבְרָהָם אֶת כַּסְפּוֹ.

גענימונג 56. שרייב איבער דאס ווייטערדיקע אין דיין העפט.

סֵפֶר		סְפָרִים	
סִפְרִי	סִפְרֵנוּ	סְפָרַי	סְפָרֵינוּ
סִפְרְךָ	סִפְרְכֶם	סְפָרֶיךָ	סִפְרֵיכֶם
סִפְרֵךְ	סִפְרְכֶן	סְפָרַיִךְ	סִפְרֵיכֶן
סִפְרוֹ	סִפְרָם	סְפָרָיו	סִפְרֵיהֶם
סִפְרָהּ	סִפְרָן	סְפָרֶיהָ	סִפְרֵיהֶן

געניטונג 57. בייג די וויטערדיקע סובסטאנטיוון לויט ספר־ספרים.

סֵפֶל – סְפָלִים, פֶּרַח – פְּרָחִים, רֶשֶׁת – רְשָׁתוֹת, צֶמַח – צְמָחִים, שֶׁקֶל – שְׁקָלִים.

געניטונג 58. שרייב איבער די וויטערדיקע פראגעס און ענטפער אויף זיי אין העברעיש.

א. מִי בָא אַחַר כָּךְ לְאַבְרָהָם?
ב. מַה אָמְרָה הָאִשָּׁה לְאַבְרָהָם?
ג. מַה נָתַן לָהּ אַבְרָהָם?
ד. הֲקָנְתָה הָאִשָּׁה אֶת הַסֵּפֶל?

געניטונג 59. שרייב איבער די וויטערדיקע זאצן און דערקלער זיי אין יידיש.

א. תֵּן לִי אֱלוֹהַּ עָנִי כָּמוֹתִי!
ב. בַּעֲנִיּוּתֵךְ טְלִי לָךְ אֱלוֹהַּ זֶה!
ג. תִּפַּח רוּחָהּ שֶׁל אוֹתָהּ אִשָּׁה שֶׁמִּשְׁתַּחֲוָה לֶאֱלוֹהַּ בֶּן יוֹם אֶחָד.
ד. הָאִשָּׁה הֶחֱזִירָה אֶת הַסֵּפֶל לְקוּפָּה.

געניטונג 60. שרייב צו דעם פאסיקן סינאנים פון דעם צווייטן זייל.

בֵּית אָב	פְּסָלִים
צְלָמִים	כָּמוֹנִי
קוּפּוֹת	קְחִי
נָטַל	מִשְׁפָּחָה
דָּמִים	לָקַח
טְלִי	סַלִּים
לִיקַּח	לִקְנוֹת
כָּמוֹתִי	כֶּסֶף

געניטונג 61. שרייב איבער די ווייטערדיקע נטיות אין דיין העפט.

אָבוֹת		אָב	
אֲבוֹתַי	אֲבוֹתֵינוּ	אָבִי	אָבִינוּ
אֲבוֹתֶיךָ	אֲבוֹתֵיכֶם	אָבִיךָ	אֲבִיכֶם
אֲבוֹתַיִךְ	אֲבוֹתֵיכֶן	אָבִיךְ	אֲבִיכֶן
אֲבוֹתָיו	אֲבוֹתֵיהֶם	אָבִיו	אֲבִיהֶם
אֲבוֹתֶיהָ	אֲבוֹתֵיהֶם.	אָבִיהָ	אֲבִיהֶן

געניטונג 62. בייג די ווייטערדיקע סובסטאַנטיוון לויטן מוסטער פון אָב.

אָח — אַחִים, פֶּה — פִּיּוֹת.

געניטונג 63. שרייב איבער די ווייטערדיקע זאַצן און דערקלער זיי אין יידיש.

א. אַבְרָהָם הֵבִיא אֶת כָּל הָאֱלוֹהוֹת אֵצֶל תֶּרַח אָבִיו.
ב. אַבְרָהָם לֹא יָכוֹל לִמְכּוֹר אֱלוֹהוֹת.
ג. הָאַחִים עָשׂוּ אוֹתוֹ לְכּוֹמֶר.
ד. הַכּוֹמֶר מְשַׁמֵּשׁ אֶת הָאֱלוֹהוֹת וּמַקְרִיב לִפְנֵיהֶם.
ה. הַפֶּה, הָעֵינַיִם, הָאָזְנַיִם, הָאַף, הַיָּדַיִם וְהָרַגְלַיִם הֵם הָאֵיבָרִים שֶׁל הָאָדָם.
ו. בַּפֶּה אוֹכְלִים וּמְדַבְּרִים.
ז. בָּאַף מְרִיחִים.
ח. בָּעֵינַיִם רוֹאִים, בָּאָזְנַיִם שׁוֹמְעִים.
ט. בַּיָּדַיִם עוֹבְדִים, בָּרַגְלַיִם הוֹלְכִים.

געניטונג 64. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע נטיות אין דײַן העפט.

אָזְנַיִם		אֹוזֶן	
אָזְנֵינוּ	אָזְנַי	אָזְנֵנוּ	אָזְנִי
אָזְנֵיכֶם	אָזְנֶיךָ	אָזְנְכֶם	אָזְנְךָ
אָזְנֵיכֶן	אָזְנַיִךְ	אָזְנְכֶן	אָזְנֵךְ
אָזְנֵיהֶם	אָזְנָיו	אָזְנָם	אָזְנוֹ
אָזְנֵיהֶן.	אָזְנֶיהָ	אָזְנָן.	אָזְנָהּ

געניטונג 65. בייג די ווייטערדיקע שמות־עצם לויט אֹוזֶן — אָזְנַיִם.

חוֹדֶשׁ — חֳדָשִׁים, כּוֹתֶל — כְּתָלִים, גּוֹרֶן — גְּרָנוֹת.

געניטונג 66. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע נטיות אין דײַן העפט.

עֵינַיִם		עַיִן	
עֵינֵינוּ	עֵינַי	עֵינֵנוּ	עֵינִי
עֵינֵיכֶם	עֵינֶיךָ	עֵינְכֶם	עֵינְךָ
עֵינֵיכֶן	עֵינַיִךְ	עֵינְכֶן	עֵינֵךְ
עֵינֵיהֶם	עֵינָיו	עֵינָם	עֵינוֹ
עֵינֵיהֶן	עֵינֶיהָ	עֵינָן	עֵינָהּ

געניטונג 67. בייג די ווייטערדיקע שמות־עצם לויט עַיִן — עֵינַיִם.

בַּיִת — בָּתִּים, זַיִת — זֵיתִים, יַיִן — יֵינוֹת, חַיִל — חֲיָלוֹת.

ג ע נ י ט ו נ ג 68. שרײַב איבער די װײַטערדיקע זאַצן און דערקלער זײ אין ייִדיש.

א. הָאִשָּׁה נוֹשֵׂאת בְּיָדָהּ קְעָרָה סוֹלֶת.

ב. אַבְרָהָם שִׁבֵּר אֶת כָּל הַפְּסִילִים.

ג. הַפְּסִילִים רָבוּ בֵּינֵיהֶם.

ד. הַגָּדוֹל שֶׁבֵּינֵיהֶם שִׁבֵּר אֶת כּוּלָּם.

ה. הֵילֵךְ וְהַקְרֵב לִפְנֵיהֶם!

ו. מִי עָשָׂה לָהֶם כָּךְ?

ז. הַמְכַסֶּה אֲנִי מֵאַבָּא?

ח. יִשְׁמְעוּ אָזְנֶיךָ מַה שֶּׁפִּיךָ אוֹמֵר!

ט. מָה אַתָּה מְשַׁטֶּה בִּי?

ג ע נ י ט ו נ ג 69. שרײַב איבער די װײַטערדיקע זאַצן מיט זײערע פּאָסעסיװע ענדונגען און דערקלער אין ייִדיש.

א. הָאִשָּׁה יְשֵׁנָה בְּמִטָּה (שֶׁלָּהּ)

ב. מַדּוּעַ שִׁבַּרְתָּ אֶת פְּסִילִים (שֶׁלִּי)

ג. פֶּסֶל אֶחָד רָב עִם חָבֵר (שֶׁלּוֹ)

ד. יִשְׁמְעוּ אָזְנַיִם (שֶׁלְּךָ) מַה שָּׂפָה (שֶׁלְּךָ) אוֹמֵר!

ה. אַבְרָהָם הֵבִיא אֶת הָאֱלוֹהוֹת אֵצֶל תֶּרַח אָב (שֶׁלּוֹ)

ו. מַה מְּלָאכָה (שֶׁלּוֹ) שֶׁל כּוֹמֶר.

ג ע נ י ט ו נ ג 70. שרײַב איבער די װײַטערדיקע זאַצן און דערקלער זײ אין ייִדיש.

א. תֶּרַח מָסַר אֶת אַבְרָהָם לְנִימְרוֹד.

ב. מֹשֶׁה קִבֵּל תּוֹרָה מִסִּינַי וּמְסָרָהּ לִיהוֹשֻׁעַ.

ג. וְכִי אֵין אַתָּה יוֹדֵעַ שֶׁאֲנִי אָדוֹן כָּל הַמַּעֲשִׂים?

ד. אֶחָד מִי יוֹדֵעַ? — אֶחָד אֲנִי יוֹדֵעַ!

ה. הַחַמָּה מְאִירָה בַּיּוֹם, הַלְּבָנָה וְהַכּוֹכָבִים בַּלַּיְלָה.
ו. הַחַמָּה יוֹצֵאת בְּמִזְרָח וְשׁוֹקַעַת בְּמַעֲרָב.
ז. כָּל הַנִּסְתָּרוֹת גְּלוּיוֹת לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא.
ח. נִמְרוֹד הָיָה מִתַּמֵּהַּ בְּלִבּוֹ.
ט. לָמָּה לֹא הִצַּלְתָּ אֶת אָבִיךָ מִן הַמִּיתָה?

געניטונג 71. שרײַב איבער די װײַטערדיקע נְטִיּוֹת אין דײַן העפט.

לֵב שֶׁלִּי — לִבִּי	לֵב שֶׁלָּנוּ — לִבֵּנוּ
לֵב שֶׁלְּךָ — לִבְּךָ	לֵב שֶׁלָּכֶם — לִבְּכֶם
לֵב שֶׁלָּךְ — לִבֵּךְ	לֵב שֶׁלָּכֶן — לִבְּכֶן
לֵב שֶׁלּוֹ — לִבּוֹ	לֵב שֶׁלָּהֶם — לִבָּם
לֵב שֶׁלָּהּ — לִבָּהּ	לֵב שֶׁלָּהֶן — לִבָּן

געניטונג 72. בײג די װײַטערדיקע שֵׁמוֹת-עֶצֶם לױטן מוסטער פֿון לֵב.

שֵׁן — שִׁנַּיִם, אֵם — אִמּוֹת, נֵס — נִסִּים, קֵן — קִנִּים.

געניטונג 73. שרײַב צו דעם פּאַסיקן סינאָנים פֿון דעם צװײטן זײַלכל.

נִטְּלוּ	הַשֶּׁמֶשׁ עוֹלָה
הֵן	הַשֶּׁמֶשׁ בָּאָה
אָדוֹן	עַתָּה
חַמָּה	דֵּעָה
בִּינָה	שֶׁמֶשׁ
עַכְשָׁו	שַׂר
הַחַמָּה יוֹצֵאת	כֵּן
הַחַמָּה שׁוֹקַעַת	כְּמוֹ
כְּשֵׁם	לָקְחוּ

ג ע נ י ט ו נ ג 74. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע זאַצן און דערקלער זיי אין יידיש.

א. אֵין דִּינוֹ אֶלָּא שְׂרֵפָה.
ב. הַמַּיִם מְכַבִּים אֶת הָאֵשׁ.
ג. הָעֲנָנִים טְעוּנִים מַיִם.
ד. הָרוּחַ מְפַזֵּר אֶת הָעֲנָנִים.
ה. אַבְרָהָם לֹא הִשְׁתַּחֲוָה לָאֵשׁ.
ו. נִמְרוֹד הִשְׁלִיךְ אֶת אַבְרָהָם לְתוֹךְ כִּבְשַׁן הָאֵשׁ.
ז. אֱלֹהִים הִצִּיל אֶת אַבְרָהָם.

ג ע נ י ט ו נ ג 75. צעטייל די ווײַטערדיקע ווערטער לויטן מוסטער און דערקלער זיי.

עֲקָדוּהוּ — עָקְדוּ אוֹתוֹ
הֱנִיחוּהוּ —
הִקִּיפוּהוּ —
כְּפָתוּהוּ —
הִפִּילוּהוּ —
הִצִּילוּהוּ —
הוֹשִׁיבוּ —
מְסָרוֹ —

ג ע נ י ט ו נ ג 76. שאַף איין וואָרט פֿון די ווײַטערדיקע לויטן מוסטער:

מָכְרוּ אוֹתוֹ — מְכָרוּהוּ.
נָטְלוּ אוֹתוֹ —
הִשְׁלִיכוּ אוֹתוֹ —
הֵבִיאוּ אוֹתוֹ —

מַשְׁלִיךְ אוֹתוֹ — מַשְׁלִיכֵהוּ

הִפִּילוּ אוֹתוֹ —

מַכֶּה אוֹתוֹ —

הָרְגוּ אוֹתוֹ —

גענימונג 77. פאַרענדיק די ווייטערדיקע זאַצן.

א. אֱלוֹהִים הִצִּיל אֶת אַבְרָהָם ....

ב. אֲנִי יָחִיד בְּעוֹלָמִי וְאַבְרָהָם יָחִיד ....

ג. נָאֶה לְיָחִיד לְהַצִּיל ....

ד. פֶּה לָהֶם וְלֹא ....

ה. עֵינַיִם לָהֶם וְלֹא ....

ו. אָזְנַיִם לָהֶם וְלֹא ....

ז. אַף לָהֶם וְלֹא ......

יְצִיאַת אַבְרָהָם מֵאֲרָם לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל

אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא לְאַבְרָהָם: „לֶךְ־לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וּמִבֵּית אָבִיךָ אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ“.

לְמָה הָיָה דוֹמֶה? לִצְלוֹחִית שֶׁל פּוֹלְיָטוֹן שֶׁהָיְתָה מוּקֶפֶת צָמִיד־פָּתִיל וּמוּנַחַת בְּזָוִית וְלֹא הָיָה רֵיחָהּ נוֹדֵף. כֵּיוָן שֶׁנִּטַּלְטְלָה מִמְּקוֹמָהּ הָיָה רֵיחָהּ נוֹדֵף;

אַף כָּךְ אָמַר הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא לְאַבְרָהָם:

— אַבְרָהָם, הַרְבֵּה מַעֲשִׂים טוֹבִים יֵשׁ לְךָ, הַרְבֵּה מִצְווֹת יֵשׁ לְךָ, טַלְטֵל עַצְמְךָ מִמָּקוֹם לְמָקוֹם וְשִׁמְךָ מִתְגַּדֵּל בָּעוֹלָמִי:

אַבְרָהָמס אַריבערפאָרן פון אַרם קיין ארץ ישראל

האָט הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא געזאָגט צו אַבְרָהָמען:

„— גיי דיר אַוועק פון דײַן לאַנד, און פון דײַן אָפּשטאַם און פון דיין פאָטערס הויז, צו דעם לאַנד וואָס איך וועל דיר ווײַזן".

צו וואָס איז עס געווען געגליכן? צו אַ פלעשעלע שמעקנדיקן אייל וואָס איז געווען גוט פאַרמאַכט און איז געלעגן אין אַ ווינקל און זיין רֵיחַ האָט זיך נישט פאַרשפרייט. אָבער אַז עס איז איבער־געטראָגן פון זײַן אָרט האָט זײַן רֵיחַ זיך פאַרשפרייט;

אויך אַזוי האָט גאָט געזאָגט צו אַבְרָהָמען: — אַבְרָהָם, אַ סך מַעֲשִׂים טוֹבִים האָסטו, אַ סך מִצְווֹת האָסטו, וואַנדער פון אָרט צו אָרט און דיין נאָמען וועט געגרייסט ווערן אויף מײַן וועלט. *)

ג ע נ י ט ו נ ג 78. פּאַס צו דעם ריכטיקן זאַץ פון דער צווייטער גרופּע און דערקלער זיי אין יידיש.

א
שֶׁהָיְתָה מוּקֶפֶת צָמִיד פָּתִיל.
וְלֹא הָיָה רֵיחָהּ נוֹדֵף.
כֵּיוָן שֶׁנִּטַלְטְלָה מִמְּקוֹמָהּ.
טַלְטֵל עַצְמְךָ מִמָּקוֹם לְמָקוֹם.
מוּנַּחַת בְּזָוִית.

ב
מֵעִמָּקוֹם לְמָקוֹם.
כַּאֲשֶׁר זָזוּ אוֹתָהּ מִמְּקוֹמָהּ.
שֶׁהָיְתָה סְגוּרָה הֵיטֵב.
שׁוֹכֶבֶת בְּזָוִית.
וְלֹא נָתְנָה רֵיחָהּ.

*) אברהם האָט געפאָלגט די געבאָטן. לֶךְ־לְךָ — גיי, וואַנדער אַר־מעטום, לעב צווישן אַלעמען און מאַך קיינעם נישט נאָך.

ע נ י ט ו נ ג 79. פאַרענדיק די ווײַטערדיקע סובסטאַנטיוון לויט די כּנוּיִים.

אֶרֶץ — אַרְצִי, אַרְצְךָ...

מוֹלֶדֶת — מוֹלַדְתִּי, מוֹלַדְתְּךָ...

בֵּית אָב — בֵּית אָבִי, בֵּית אָבִיךָ...

רֵיחַ — רֵיחִי, רֵיחֲךָ...

מָקוֹם — מְקוֹמִי, מְקוֹמְךָ...

מַעֲשִׂים — מַעֲשַׂי, מַעֲשֶׂיךָ...

מִצְווֹת — מִצְווֹתַי, מִצְווֹתֶיךָ...

שֵׁם — שְׁמִי, שִׁמְךָ...

עוֹלָם — עוֹלָמִי, עוֹלָמְךָ...

ע נ י ט ו נ ג 80. פאַרענדיק די ווײַטערדיקע זאַצן און דערקלער זיי אין יידיש.

א. לֵךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ...

ב. צְלוֹחִית שֶׁל פּוֹלְיָטוֹן שֶׁהָיְתָה מוּקֶפֶת...

ג. לֹא הָיָה רֵיחַ ...

ד. הַרְבֵּה מַעֲשִׂים...

ה. הַרְבֵּה מִצְווֹת...

ו. [illegible] עַצְמָהּ מְקוֹמָהּ [illegible]...

אַבְרָהָם וְהַמַּלְאָכִים

„וַיֵּרָא אֵלָיו ד' בְּאֵלֹנֵי מַמְרֵא... כְּחוֹם הַיּוֹם"

מַהוּ „כְּחוֹם הַיּוֹם"?

אָמַר רַבִּי חָמָא בַּר חֲנִינָא: — אוֹתוֹ הַיּוֹם, יוֹם שְׁלִישִׁי לְמִילָה שֶׁל אַבְרָהָם הָיָה, וּבָא הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא לִשְׁאוֹל בִּשְׁלוֹמוֹ שֶׁל אַבְרָהָם. הוֹצִיא הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא חַמָּה מִנַּרְתִּיקָהּ, כְּדֵי שֶׁלֹּא לְהַטְרִיחַ אוֹתוֹ צַדִּיק בְּאוֹרְחִים.

שָׁלַח אַבְרָהָם אֶת אֱלִיעֶזֶר עַבְדּוֹ שֶׁיֵּצֵא לַחוּץ. יָצָא וְלֹא מָצָא אוֹרְחִים.

אָמַר אַבְרָהָם: — אֵינִי מַאֲמִינְךָ, וְזֶהוּ שֶׁאוֹמְרִים הַבְּרִיּוֹת: „אֵין אֱמוּנָה בַּעֲבָדִים". יָצָא הוּא בְּעַצְמוֹ.

„וַיִּשָּׂא עֵינָיו וַיַּרְא וְהִנֵּה שְׁלֹשָׁה אֲנָשִׁים עוֹמְדִים עָלָיו".

מִי הֵם „שְׁלשָׁה אֲנָשִׁים„? מִיכָאֵל, רְפָאֵל וְגַבְרִיאֵל. מִיכָאֵל בָּא לְבַשֵּׂר אֶת שָׂרָה, רְפָאֵל בָּא לְרַפֵּא אֶת אַבְרָהָם וְגַבְרִיאֵל בָּא לַהֲפוֹךְ אֶת סְדוֹם.

אַבְרָהָם און די מַלְאָכִים

„און גאָט האָט זיך באַוויזן צו אים ביַי די אייכנביימער פון מַמְרֵא... אין דער היץ פון טאָג".

— וואָס באַטיַיט „אין דער היץ פון טאָג"?

האָט געזאָגט רבי חָמָא דער זון פון חֲנִינָא: — יענער טאָג איז געווען דער דריטער טאָג נאָך אַבְרָהָמס בְּרִית־מִילָה, איז הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא געקומען געוואָר ווערן צו אַבְרָהָמען. האָט הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא אַרויסגענומען די זון פון איר פוטערפאַס (שייד, וואָס פאַרשטעלט איר שיַין) כְּדֵי נישט מַטְרִיחַ צו זיַין דעם צַדִּיק מיט אוֹרְחִים.

האָט אַבְרָהָם געשיקט זיין קנעכט אֱלִיעֶזֶרן, אַז ער זאָל אַרויסגיין אין דרויסן. איז ער אַרויסגעגאַנגען און האָט נישט געפונען קיין אורחים.

האָט אַבְרָהָם געזאָגט: איך גלייב דיר נישט, אָט אַזוי ווי לַיַיט זאָגן: „ מען קען נישט געטרויען קיין קנעכט". איז ער אַליין אַרויסגעגאַנגען.

„און ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן און האָט דערזען, ערשט דרַיַי מענער שטייען פאַר אים".

— ווער זיַינען עס די „דריי מענער"? — מִיכָאֵל, רְפָאֵל און גַבְרִיאֵל. מִיכָאֵל איז געקומען אָנזאָגן שָׂרָהן (אַז זי וועט האָבן אַ קינד), רְפָאֵל איז געקומען אויסהיילן אַבְרָהָמען און גַבְרִיאֵל איז געקומען איבערקערן סְדוֹם.

ג ע נ י ט ו נ ג 81. שרייב איבער די ווייטערדיקע זאצן און דערקלער זיי אין יידיש.

א. בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי לְמִילָתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם בָּא הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא לִשְׁאוֹל בִּשְׁלוֹמוֹ.

ב. הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ־הוּא הוֹצִיא אֶת הַחַמָּה מִנַּרְתִּיקָהּ כְּדֵי לֹא לְהַטְרִיחַ אֶת הַצַּדִּיק בְּאוֹרְחִים.

ג. אֱלִיעֶזֶר יָצָא לַחוּץ לְבַקֵּשׁ אוֹרְחִים וְלֹא מָצָא.

ד. הַבְּרִיּוֹת אוֹמְרִים: — „אֵין אֱמוּנָה בַּעֲבָדִים".

ה. מִיכָאֵל בָּא לְבַשֵּׂר אֶת שָׂרָה שֶׁתֵּלֵד בֵּן.

ו. רְפָאֵל בָּא לְרַפֵּא אֶת אַבְרָהָם.

ז. גַּבְרִיאֵל בָּא לַהֲפוֹךְ אֶת סְדוֹם.

ג ע נ י ט ו נ ג 82. שרייב איבער די ווייטערדיקע צאָלווערטער אין דיין העפט.

אֶחָד — איינס
שְׁנַיִם — צוויי
שְׁלֹשָׁה — דריי
אַרְבָּעָה — פיר
חֲמִישָּׁה — פינף
שִׁשָּׁה — זעקס
שִׁבְעָה — זיבן
שְׁמוֹנָה — אַכט
תִּשְׁעָה — ניין
עֲשָׂרָה — צען

גענימונג 83. שרייב איבער דאָס וואָכנטאָגיקע אין דיין העפט.

יום רִאשׁוֹן — זונטיק
יום שֵׁנִי — מאָנטיק
יום שְׁלִישִׁי — דינסטיק
יום רְבִיעִי — מיטוואָך
יום חֲמִישִׁי — דאָנערשטיק
יום שִׁשִּׁי — פרייטיק
יום הַשַּׁבָּת — שַׁבָּת

אַבְרָהָם מִתְפַּלֵּל עַל סְדוֹם

„וַיִּגַּשׁ אַבְרָהָם וַיֹּאמַר... הֲשֹׁפֵט כָּל הָאָרֶץ לֹא יַעֲשֶׂה מִשְׁפָּט?“

אָמַר רַ' לֵוִי: — אִם עוֹלָם אַתָּה מְבַקֵּשׁ — אֵין דִּין, וְאִם דִּין אַתָּה מְבַקֵּשׁ — אֵין עוֹלָם. אַתָּה תּוֹפֵס אֶת הַחֶבֶל בִּשְׁנֵי רָאשִׁים: אתה מְבַקֵּשׁ עוֹלָם וּמְבַקֵּשׁ דִּין!

אִם אֵין אַתָּה מְוַתֵּר קִימְעָא אֵין הָעוֹלָם יָכוֹל לַעֲמוֹד.

אַבְרָהָם איז מִתְפַּלֵל פאַר סדום

„און אַבְרָהָם האָט גענענט און האָט געזאָגט... וועט דער ריכטער פון דער גאַנצער ערד נישט טאָן קיין גערעכטיקייט?"

האָט רַבִּי לֵוִי געזאָגט: — אויב דו ווילסט אַ וועלט — קען נישט זיין קיין דין (אַבסאָלוטע גערעכטיקייט), און אויב דו ווילסט דין — קען נישט זיין קיין וועלט. דו האַלטסט דעם שטריק ביי ביידע עקן: דו ווילסט די וועלט און די ווילסט אַבסאָלוטע גערעכטיקייט!

אויב דו וועסט אַ ביסל נישט מְוַותֵּר זַיִין, קען די וועלט נישט עקזיסטירן. *)

ג ע נ י ט ו נ ג 84. שרַייב איבער די ווַייטערדיקע זאַצן און דערקלער זיי אין יידיש.

א. הֲשׁוֹפֵט כָּל הָאָרֶץ לֹא יַעֲשֶׂה מִישְׁפָּט?
ב. מִי שָׂמְךָ לְאִישׁ שַׂר וְשׁוֹפֵט עָלֵינוּ?
ג. אִם עוֹלָם אַתָּה מְבַקֵּשׁ — אֵין דִּין!
ד. אִם דִּין אַתָּה מְבַקֵּשׁ — אֵין עוֹלָם!
ה. אַתָּה תּוֹפֵס אֶת הַחֶבֶל בִּשְׁנֵי רָאשִׁים.
ו. אִם אֵין אַתָּה מְוַותֵּר קִימְעָא, אֵין הָעוֹלָם יָכוֹל לַעֲמוֹד.

ג ע נ י ט ו נ ג 85. שרַייב איבער די ווַייטערדיקע זאַצן און דערקלער דעם באַטייט פון דעם ה׳ אָנהייב זאַץ.

א. הֲשׁוֹפֵט כָּל הָאָרֶץ לֹא יַעֲשֶׂה מִישְׁפָּט?
ב. הֲשׁוֹמֵר אָחִי אָנוֹכִי?
ג. הֲכִי אָחִי אַתָּה וַעֲבַדְתַּנִי חִינָּם?

---

*) נישטאָ און עס קען נישט זיין אויף דער וועלט קיין ל'ורכויסיקע צדיקים אָן אַ זינד.

אַפּטמאָל ווען מיר ווילן אויסדריקן אַ פראַגע שטעלן מיר אָנהייב זאַץ אַ ה.
דער דאָזיקער ה ווערט אָנגערופן ה׳ הַשְּׁאֵלָה.

ב ע נ י ט ו נ ג 86. ענדער די ווײַטערדיקע דערציילזאַצן אויף פרעגזאַצן מיט דער הילף פון ה׳ הַשְּׁאֵלָה.

א. הַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא בָּא לִשְׁאוֹל בִּשְׁלוֹמוֹ שֶׁל אַבְרָהָם.
ב. אַבְרָהָם שָׁלַח אֶת אֱלִיעֶזֶר לְבַקֵּשׁ אוֹרְחִים.
ג. אֱלִיעֶזֶר יָצָא לַחוּץ.
ד. אַבְרָהָם רָאָה שְׁלוֹשָׁה אֲנָשִׁים.
ה. רְפָאֵל בָּא לְרַפֵּא אֶת אַבְרָהָם.
ו. גַּבְרִיאֵל הָפַךְ אֶת סְדוֹם.

באַמערקונג: דער ווערב קומט אָנהייב זאַץ מיט דעם ה׳ הַשְּׁאֵלָה, לְמָשָׁל: הֲבָא הַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא לִשְׁאוֹל בִּשְׁלוֹמוֹ שֶׁל אַבְרָהָם?

ב ע נ י ט ו נ ג 87. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע בייגונגען פון ווערב אין דער איצטיקער צײַט.

אֲנִי תּוֹפֵס	אֲנִי תּוֹפֶסֶת (תּוֹפְסָה)
אַתָּה תּוֹפֵס	אַתְּ תּוֹפֶסֶת (תּוֹפְסָה)
הוּא תּוֹפֵס	הִיא תּוֹפֶסֶת (תּוֹפְסָה)
אֲנַחְנוּ תּוֹפְסִים	אֲנַחְנוּ תּוֹפְסוֹת
אַתֶּם תּוֹפְסִים	אַתֶּן תּוֹפְסוֹת
הֵם תּוֹפְסִים	הֵן תּוֹפְסוֹת

געניטונג 88. בייג די ווײַטערדיקע ווערבן לויטן מוסטער פֿון אֲנִי תּוֹפֵס.

אֲנִי שׁוֹמֵר, אֲנִי שׁוֹמֶרֶת (שׁוֹמְרָה), אֲנַחְנוּ שׁוֹמְרִים. אֲנַחְנוּ שׁוֹמְרוֹת. אֲנִי שׁוֹפֵט, אֲנִי שׁוֹפֶטֶת (שׁוֹפְטָה), אֲנַחְנוּ שׁוֹפְטִים, אֲנַחְנוּ שׁוֹפְטוֹת.

אַנְשֵׁי סְדוֹם

אַנְשֵׁי סְדוֹם הִתְגָּאוּ בִּשְׁבִיל טוֹבָה שֶׁהִשְׁפִּיעַ לָהֶם הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא. אָמְרוּ: — מֵאַחַר שֶׁאָנוּ שְׁרוּיִים בְּשַׁלְוָה וּבְטוֹבָה: מָזוֹן יוֹצֵא מֵאַרְצֵנוּ, כֶּסֶף וְזָהָב יוֹצֵא מֵאַרְצֵנוּ, אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת יוֹצְאוֹת מֵאַרְצֵנוּ — לָמָּה לָנוּ עוֹבְרֵי דְרָכִים, שֶׁאֵין בָּאִים אֵלֵינוּ אֶלָּא לְחַסְּרֵנוּ. בּוֹאוּ וּנְשַׁכַּח אֶת רַגְלֵיהֶם מֵאַרְצֵנוּ.

אָמַר הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: — בְּטוֹבָה שֶׁהֵיטַבְתִּי לָכֶם, אַתֶּם מְבַקְשִׁים לְשַׁכֵּחַ אֶת רַגְלֵיהֶם שֶׁל הָעֲנִיִּים מֵאַרְצְכֶם, אֲנִי אֲשַׁכֵּחַ אֶתְכֶם מִן הָעוֹלָם.

די סדום-לײַט

די סדום-לײַט האָבן זיך גרויס געהאַלטן צוליב דעם גוטס וואָס גאָט האָט זיי געגעבן בשפע. זיי האָבן געזאָגט: — ווײַל מיר לעבן אין רויִקײַט און אין גוטסקײַט: שפּײַז גייט אַרויס פֿון אונדזער לאַנד, זילבער און גאָלד גייען אַרויס פֿון אונדזער לאַנד, טײַערע שטיינער און פּערל גייען אַרויס פֿון אונדזער לאַנד — טאָ וואָס דאַרפֿן מיר די (אָרעמע) דורכגייער, וואָרום זיי קומען נאָר צו אונדז כּדי בײַ אונדז צונעמען. קומט און לאָמיר פֿאַרטרײַבן זייער פֿוס פֿון אונדזער לאַנד.

האָט הקדוש-ברוך-הוא געזאָגט: פֿאַר דעם גוטס וואָס איך האָב אײַך באַשאָנקען, ווילט איר פֿאַרטרײַבן די פֿיס פֿון די אָרעמע פֿון אײַער לאַנד, איך וועל **אײַך** פֿאַרטרײַבן (אומברענגען) פֿון דער וועלט.

געניטונג 89. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע זאַצן און דערקלער זיי אין יידיש.

א. אַנְשֵׁי סְדוֹם הִתְגָּאוּ עַל כָּל הָאֲנָשִׁים.

ב. הַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא הִשְׁפִּיעַ לָהֶם טוֹבָה.

ג. אָנוּ שְׁרוּיִים בְּשַׁלְוָה וּבְטוֹבָה.

ד. אַנְשֵׁי סְדוֹם לֹא נָתְנוּ לְעוֹבְרֵי דְרָכִים לְהִכָּנֵס לְאַרְצָם.

ה. הֵם בִּקְשׁוּ לְשַׁכֵּחַ אֶת רַגְלֵי הָעֲנִיִּים מֵאַרְצָם.

געניטונג 90. שרײַב צו דעם פּאַסיקן סינאָנים פֿון דעם צווייטן זײַלכל.

שֶׁהִשְׁפִּיעַ	מְכֻוָּן
מֵאַחַר	נִגְרַשׁ
שַׁלְוָה	לָקַחַת מִמֶּנּוּ
מָזוֹן	אוֹרְחִים
עוֹבְרֵי דְרָכִים	בֶּטַח
לְחַסְרֵנוּ	אוֹכֶל
נִשְׁכַּח	שֶׁנָּתַן לָהֶם הַרְבֵּה.

גענימונג 91. שרײַב איבער די דאָזיקע זאַצן און זעץ זײ איבער אין העברעיִש.

א. דער טאַטע האָט מיר געגעבן אַלדאָס גוטס.
ב. די שלעכטע מענטשן האָבן זיך גרויס געהאַלטן.
ג. מיר לעבן רויִק.
ד. אברהם איז געווען אַ מַכנִים אוֹרֵחַ.
ה. די סְדוֹם-לײַט האָבן געוואָלט פאַרטרײַבן די אָרעמע לײַט פון זייער לאַנד.

גענימונג 92. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע בייגונגען פון דער איצטיקער צײַט.

אֲנִי יוֹצֵא	אֲנִי יוֹצֵאת (יוֹצְאָה)
אַתָּה יוֹצֵא	אַתְּ יוֹצֵאת (יוֹצְאָה)
הוּא יוֹצֵא	הִיא יוֹצֵאת (יוֹצְאָה)
אֲנַחְנוּ יוֹצְאִים	אֲנַחְנוּ יוֹצְאוֹת
אַתֶּם יוֹצְאִים	אַתֶּן יוֹצְאוֹת
הֵם יוֹצְאִים	הֵן יוֹצְאוֹת
אֲנִי אוֹכֵל	אֲנִי אוֹכֶלֶת (אוֹכְלָה)
אַתָּה אוֹכֵל	אַתְּ אוֹכֶלֶת (אוֹכְלָה)
הוּא אוֹכֵל	הִיא אוֹכֶלֶת (אוֹכְלָה)
אֲנַחְנוּ אוֹכְלִים	אֲנַחְנוּ אוֹכְלוֹת
אַתֶּם אוֹכְלִים	אַתֶּן אוֹכְלוֹת
הֵם אוֹכְלִים	הֵן אוֹכְלוֹת

גענימונג 93. שרײַב אויס באַזונדער די פּערזאָן-ווערטער.

אין העברעיש זיינען דאָ צען פּערזאָן־ווערטער:

אֲנִי, אַתָּה, אַתְּ, הוּא, הִיא, אֲנַחְנוּ, אַתֶּם, אַתֶּן, הֵם, הֵן.

די טוּונג קען דורכגעפירט ווערן:

א. דורך מיר, דורך דעם וואָס רעדט. (מְדַבֵּר)
ב. דורך דעם צו וועמען איך רעד. (נוֹכֵחַ)
ג. דורך עמעצן וועגן וועמען מען רעדט. (נִסְתָּר).

—

אויב איך רעד און טו די אַרבעט — איז דער ווערב אין דער ערשטער פּערזאָן.

אויב איך רעד און די אַרבעט ווערט געטאָן דורך דעם צו וועמען איך רעד — איז דער ווערב אין דער צווייטער פּערזאָן.

אויב איך רעד וועגן עמעצן וואָס טוט די אַרבעט — איז דער ווערב אין דער דריטער פּערזאָן.

גענייטונג 94. בייג די ווייטערדיקע ווערבן אין דער איצטיקער צייט.

אֲנִי אוֹהֵב, אֲנִי אוֹמֵר, אֲנִי הוֹלֵךְ, אֲנִי שׁוֹאֵל, אֲנִי רוֹחֵץ, אֲנִי הוֹרֵג, אֲנִי סוֹבֵל, אֲנִי שׁוֹמֵעַ, אֲנִי שׁוֹבֵר, אֲנִי עוֹמֵד.

אֲנִי — באַווייזט די ערשטע פּערזאָן איינצאָל

אַתָּה, אַתְּ — באַווייזן די צווייטע פּערזאָן איינצאָל

הוּא, הִיא — באַווייזן די דריטע פּערזאָן איינצאָל

אֲנַחְנוּ — באַווייזט די ערשטע פּערזאָן מערצאָל

אַתֶּם, אַתֶּן — באַווייזן די צווייטע פּערזאָן מערצאָל

הַדַּיָּנִים בִּסְדוֹם

אַרְבָּעָה דַּיָּנִים הָיוּ בִּסְדוֹם: שַׁקְרָאִי וְשַׁקְרוּרַאי וְזַיְפָאִי וּמַצְלִי דִּין. הִתְקִינוּ:

מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ שׁוֹר – רוֹעֶה יוֹם אֶחָד, וְשֶׁאֵין לוֹ שׁוֹר – רוֹעֶה שְׁנֵי יָמִים.

הָיָה שָׁם יָתוֹם בֶּן אַלְמָנָה שֶׁאֵין לוֹ שׁוֹר, מָסְרוּ לוֹ אֶת שְׁוָרֵיהֶם לִרְעוֹתָם. עָמַד וַהֲרָגָם. אָמַר לָהֶם: – מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ שׁוֹר יִטּוֹל עוֹר אֶחָד וְשֶׁאֵין לוֹ – יִטּוֹל שְׁנַיִם. סוֹף דִּין כִּתְחִלַּת דִּין.

מִי שֶׁקָּצַץ אוֹזֶן חֲמוֹר שֶׁל חֲבֵרוֹ אָמְרוּ לוֹ לְבַעַל הַחֲמוֹר: – תְּנֵהוּ לוֹ עַד שֶׁתִּצְמַח אָזְנוֹ.

מִי שֶׁפְּצָעוֹ חֲבֵרוֹ אָמְרוּ לוֹ: – תֵּן לוֹ שְׂכָרוֹ שֶׁהִקִּיז לְךָ דָּם.

מִי שֶׁעָבַר בְּגֶשֶׁר – נוֹתֵן אַרְבָּעָה זוּזִים, וְשֶׁעָבַר בְּמַיִם נוֹתֵן שְׁמוֹנָה זוּזִים.

עָבַר שָׁם כּוֹבֵס אֶחָד. אָמְרוּ לוֹ: תֵּן אַרְבָּעָה זוּזִים. אָמַר לָהֶם: אֲנִי בְּמַיִם עָבַרְתִּי. אָמְרוּ לוֹ:

אִם כֵּן תֵּן שְׁמוֹנָה זוּזִים. לֹא נָתַן — פְּצָעוּהוּ. בָּא לִפְנֵי הַדַּיָּנִים, אָמְרוּ לוֹ: תֵּן שָׂכָר שֶׁהִקִּיזוּ לְךָ דָּם וּשְׁמוֹנָה זוּזִים שֶׁעָבַרְתָּ בַּמַּיִם.

די ריכטער פון סְדום

פיר ריכטער זיינען געווען אין סדום: ליגנער, שווינדלער, פעלשער און דרייער. האָבן זיי באַשטימט:

— ווער עס האָט אַן אָקס, פיטערט איין טאָג, און ווער עס האָט נישט קיין אָקס — פיטערט צוויי טעג.

איז דאָרטן געווען אַ יָתום, אַן אַלְמָנָהס אַ זון, וואָס האָט קיין אָקס נישט געהאַט, האָבן זיי אים איבערגעגעבן זייערע אָקסן צו פיטערן. האָט ער זיך געשטעלט און האָט זיי געהַרגעט. האָט ער צו זיי געזאָגט: — ווער עס האָט אַן אָקס, נעמט איין פעל און ווער עס האָט נישט — נעמט צוויי. דער סוף פון דעם געזעץ איז ווי דער אָנהייב פון געזעץ. *)

אויב עמיצער האָט אָפּגעהאַקט אַן אויער פון זײַן חברס אייזל, האָט מען געזאָגט צו דעם בַּעל־הַבַּיִת פון אייזל: — גיב אים אָפּ (דעם אייזל), ביז זײַן אויער וועט אָנוואַקסן צוריק.

אויב עמיצן האָט זײַן חַבר פאַרווונדעט, האָט מען געזאָגט צו אים (דעם פאַרווונדעטן): — גיב אים זײַן לוין, ווײַל ער האָט דיר אָפּגעצאַפּט בלוט.

אויב עמיצער איז אַריבערגעגאַנגען דעם בריק — באַצאָלט ער פיר גילדן, איז ער אַריבערגעגאַנגען דורך דעם וואַסער — אַכט גילדן.

---

*) די סדומישע געזעצן זיינען גוט פאַר די רײַכע וואָס פאַרשקלאַפּן די אָרעמע. דער באַוועלהטער רעכנט זיך אָפּ מידה כְּנֶגֶד מידה מיט זיינע באַדריקער. די סדומישע ריכטער קענען זיך אָפּט רופן אֶמֶת, יוֹשֶׁר, גערעכטיקייט, אָרנטלעכקייט, אָבער זייער מִשְׁפָּט איז פאַלש און פאַרדרייט.

איז דאָרטן אַריבערגעגאַנגען איין וועשער. האָבן זיי צו אים געזאָגט: — באַצאָל פיר גילדן! זאָגט ער: — איך בין דורך דעם וואַסער אַריבערגעגאַנגען. האָבן זיי צו אים געזאָגט: — אויב אַזוי, טאָ באַצאָל אַכט גילדן. האָט ער נישט באַצאָלט — האָבן זיי אים פאַרוואונדעט. איז ער געקומען פאַר די ריכטער. האָבן זיי צו אים געזאָגט: — באַצאָל דעם לוין פאַר דעם אָפּצאַפּן פון בלוט און אַכט גילדן פאַר דײַן אַריבערגיין דורך דעם וואַסער.

געניטונג 95. ענטפער אויף די ווײַטערדיקע פראַגעס און דערקלער זיי אין ייִדיש.

א. כַּמָּה דַיָּנִים הָיוּ בִּסְדוֹם?

ב. מַה הִתְקִינוּ הַדַּיָּנִים?

ג. לְמִי מָסְרוּ אֶת הַשְּׁוָרִים לִרְעוֹתָם?

ד. מַה עָשָׂה הַיָּתוֹם?

ה. מַה אָמַר לָהֶם הַיָּתוֹם?

געניטונג 96. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע זאַצן און דערקלער זיי אין ייִדיש.

א. מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ שׁוֹר — רוֹעֶה יוֹם אֶחָד, וְשֶׁאֵין לוֹ — רוֹעֶה שְׁנֵי יָמִים.

ב. מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ שׁוֹר יִטּוֹל עוֹר אֶחָד, וְשֶׁאֵין לוֹ — יִטּוֹל שְׁנַיִם.

ג. סוֹף דִּין כִּתְחִלַּת דִּין.

ד. תֵּן שָׂכָר שֶׁהִקִּיזוּ לְךָ דָּם!

גענים ונג 97. שרייב איבער די ווייטערדיקע נטיות.

שׁוֹר שֶׁלִּי — שׁוֹרִי
שׁוֹר שֶׁלְּךָ —
שׁוֹר שֶׁלָּךְ —
שׁוֹר שֶׁלּוֹ —
שׁוֹר שֶׁלָּהּ —

שׁוֹר שֶׁלָּנוּ — שׁוֹרֵנוּ
שׁוֹר שֶׁלָּכֶם —
שׁוֹר שֶׁלָּכֶן —
שׁוֹר שֶׁלָּהֶם —
שׁוֹר שֶׁלָּהֶן —

שְׁוָרִים שֶׁלִּי — שְׁוָרַי
שְׁוָרִים שֶׁלְּךָ —
שְׁוָרִים שֶׁלָּךְ —
שְׁוָרִים שֶׁלּוֹ —
שְׁוָרִים שֶׁלָּהּ —

שְׁוָרִים שֶׁלָּנוּ — שְׁוָרֵינוּ
שְׁוָרִים שֶׁלָּכֶם —
שְׁוָרִים שֶׁלָּכֶן
שְׁוָרִים שֶׁלָּהֶם
שְׁוָרִים שֶׁלָּהֶן

אֱלִיעֶזֶר בִּסְדוֹם

אֱלִיעֶזֶר עֶבֶד אַבְרָהָם נִזְדַּמֵּן לְשָׁם. פְּצָעוּהוּ וּבָא לִפְנֵי הַדַּיָּן. אָמַר הַדַּיָּן לֶאֱלִיעֶזֶר! — תֵּן לוֹ שְׂכָרוֹ שֶׁהִקִּיז לְךָ דָּם.

נָטַל אֱלִיעֶזֶר אֶבֶן וּפָצַע אֶת הַדַּיָּן וְאָמַר לוֹ: — שָׂכָר שֶׁיֵּשׁ לִי בְּיָדְךָ תְּנֵהוּ לָזֶה — וּמָמוֹן שֶׁלִּי בִּמְקוֹמוֹ עוֹמֵד.

אֱלִיעֶזֶר אין סְדוֹם

אֱלִיעֶזֶר אַבְרָהָמס קנעכט איז געקומען אַהין. האָט מען אים פֿאַרוווּנדעט און ער איז געקומען צו דעם ריכטער (מאָנען גערעכטיקייט). האָט דער ריכטער געזאָגט צו אֱלִיעֶזֶרן: באַצאָל דעם לוין פֿאַרן אָפּצאַפּן דיר בלוט.

האָט אֱלִיעֶזֶר גענומען אַ שטיין און האָט פֿאַרוווּנדעט דעם ריכטער און האָט צו אים געזאָגט: — דעם לוין וואָס איך האָב בײַ דיר גיב אים דעם דאָזיקן — און מײַן געלט זאָל בלײַבן ליגן אויף זײַן אָרט.

ג ע נ י ט ו נ ג 98. שרײַב איבער די בייגונגען פֿון ווערב אין דער איצטיקער צײַט.

אֲנִי בָּא	אֲנִי בָּאָה
אַתָּה בָּא	אַתְּ בָּאָה
הוּא בָּא	הִיא בָּאָה
אֲנַחְנוּ בָּאִים	אֲנַחְנוּ בָּאוֹת
אַתֶּם בָּאִים	אַתֶּן בָּאוֹת
הֵם בָּאִים	הֵן בָּאוֹת

ג ע נ י ט ו נ ג 99. בייג די ווײַטערדיקע ווערבן אין דער איצטיקער צײַט לויטן מוסטער פֿון אֲנִי בָּא.

אֲנִי רָץ, אֲנִי שָׁב, אֲנִי שָׂר, אֲנִי לָן, אֲנִי גָּר.

> אויב דער צווייטער אָות פֿון ווערב איז אַ ו אָדער אַ י פֿאַלט ער אַרויס אין די בייגונגען פֿון דער איצטיקער צייט. למשל רוץ — אֲנִי רָץ, שׁוּב — אֲנִי שָׁב, שׂיר — אֲנִי שָׂר.

מִיטַּת סְדוֹם

הָיְתָה לָהֶם מִטָּה שֶׁהָיוּ מַשְׁכִּיבִים בָּהּ אוֹרְחִים. אָדָם אָרוֹךְ - קִצְּרוּהוּ, קָצָר - מְתָחוּהוּ. נִזְדַּמֵּן לְשָׁם אֱלִיעֶזֶר. אָמְרוּ לוֹ: - עֲלֵה וּשְׁכַב בַּמִּטָּה. אָמַר לָהֶם: - מִיּוֹם שֶׁמֵּתָה אִמִּי, נָדַרְתִּי נֶדֶר שֶׁלֹּא אֶשְׁכַּב בְּמִטָּה.

דאָס סדום בעטל

זיי האָבן געהאַט אַ בעט, וואָס אין איר פלעגט מען לייגן די אורחים. אַ לאַנגן מענטשן פלעגן זיי אָפּקירצן (אונטערהאַקן די פיס), אַ קורצן — פלעגן זיי אויסציען. איז געקומען אַמאָל אַהין אליעזר. האָבן זיי צו אים געזאָגט: — גיי אַרויף און לייג זיך אין דעם בעטל. האָט ער צו זיי געזאָגט: — פון דעם טאָג אָן וואָס מײַן מאַמע איז געשטאָרבן האָב איך אַ נֶדֶר געטאָן נישט צו לייגן זיך אויף אַ בעט.

ג ע נ י ט ו נ ג 100. שרײַב איבער דאָס ווײַטערדיקע אין דײַן העפט און פאַרענדיק עס לויטן מוסטער.

אִישׁ קָצָר — אִשָּׁה קְצָרָה — אֲנָשִׁים קְצָרִים — נָשִׁים קְצָרוֹת.
אִישׁ גָּדוֹל
אִישׁ קָטָן
אִישׁ זָקֵן
אִישׁ טוֹב
אִישׁ רַע
אִישׁ אָרוֹךְ — אִשָּׁה אֲרוּכָּה — אֲנָשִׁים אֲרוּכִּים — נָשִׁים אֲרוּכּוֹת.

אויב אַן אַדיעקטיוו באַצייכנט אַ סובסטאַנטיוו פון מענלעכן מין אײנצאָל האָט ער נישט קיין ענדונג,
אויב ער באַצייכנט אַ סובסטאַנטיוו פון ווײַבלעכן מין אײנצאָל האָט ער די ענדונג — ָה
אויב ער באַצייכנט אַ סובסטאַנטיוו פון מענלעכן מין מערצאָל האָט ער די ענדונג — ִים
אויב ער באַצייכנט אַ סובסטאַנטיוו פון ווײַבלעכן מין מערצאָל האָט ער די ענדונג — וֹת

רִשְׁעַת סְדוֹם

כְּשֶׁנִּזְדַּמֵּן לָהֶם עָנִי לֹא הָיוּ נוֹתְנִים לוֹ פַּת, אֶלָּא כָּל אֶחָד וְאֶחָד נוֹתֵן לוֹ דִּינָר וְכוֹתֵב שְׁמוֹ עָלָיו. וּכְשֶׁמֵּת הֶעָנִי הָיָה בָּא כָּל אֶחָד וְאֶחָד וְנוֹטֵל דִּינָר שֶׁלּוֹ.

הָיְתָה שָׁם רִיבָה אַחַת, שֶׁהוֹצִיאָה פַּת לֶעָנִי בְּכַדָּהּ. עָבְרוּ שְׁלוֹשָׁה יָמִים וְלֹא מֵת - וְנִתְגַּלָּה הַדָּבָר. טָשׁוּ אֶת הָרִיבָה בִּדְבַשׁ וְהֶעֱמִידוּהָ עַל גַּג הַחוֹמָה וּבָאוּ דְּבוֹרִים וַאֲכָלוּהָ.

די פאַרדאָרבנקייט פון סדום

אַז עס פלעגט צו זיי קומען אַן אָרעמאַן, פלעגן זיי אים קיין ברויט נישט געבן, נאָר יעדער איינער גיט אים אַ דינר און שרײַבט

אַן זײַן נאָמען אויף אים. און אַז דער אָרעמאַן פלעגט שטאַרבן פלעגט קומען יעדער איינער און צונעמען זײַן דינר.

איז דאָרטן געווען איין מיידל, וואָס האָט אַרויסגעטראָגן ברויט פאַר דעם אָרעמאַן אין איר קרוג. זײַנען אַריבער דרײַ טעג און ער איז נישט געשטאָרבן — און די זאַך איז אויפגעדעקט געוואָרן. האָבן זיי אויסגעשמירט די מיידל מיט האָניק און האָבן זי אַרויסגעשטעלט אויף דעם דאַך פון מויער. זײַנען געקומען בינען און האָבן זי צעגעסן.

ג ע נ י ט ו נ ג 101. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע זאַצן און זעץ זיי איבער אין העברעיִש.

א. די סדום-לייט פלעגן נישט געבן קיין ברויט צו אַן אָרעמאַן.

ב. איין מיידל האָט אַרויסגעטראָגן ברויט אַן אָרעמאַן אין איר קרוג.

ג. ווען די זאַך איז באַוווּסט געוואָרן האָבן זיי דערהרגעט די מיידל.

ד. זיי האָבן אויסגעשמירט די מיידל מיט האָניק און די בינען האָבן זי אויפגעגעסן.

ג ע נ י ט ו נ ג 102. פאַרענדיק לויטן מוסטער:

נוֹתֵן — נוֹתֶנֶת — נוֹתְנִים — נוֹתְנוֹת.

נוֹטֵל

כּוֹתֵב

מֵת — מֵתָה — מֵתִים — מֵתוֹת.

בָּא

נִתְגַּלָּה.

צַעֲקַת הַנַּעֲרָה

מַעֲשֶׂה בִּשְׁתֵּי נְעָרוֹת שֶׁיָּרְדוּ לְמַלְאוֹת מַיִם מִן הַמַּעְיָן. אָמְרָה אַחַת לַחֲבֶרְתָּהּ: – לָמָּה פָּנַיִךְ חוֹלָנִיּוֹת? אָמְרָה לָהּ: כָּלוּ מְזוֹנוֹתֵינוּ וּכְבָר אָנוּ נוֹטִים לָמוּת.

מֶה עָשְׂתָה? מִלְּאָה אֶת הַכַּד קֶמַח וְהֶחֱלִיפוּ: נָטְלָה זוֹ מַה שֶּׁבְּיַד זוֹ וְזוֹ מַה שֶּׁבְּיַד זוֹ. כֵּיוָן שֶׁהִרְגִּישׁוּ אַנְשֵׁי סְדוֹם בַּדָּבָר – נְטָלוּהָ וּשְׂרָפוּהָ.

אָמַר הַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא: – עַכְשָׁיו אֲפִילוּ אֲנִי מְבַקֵּשׁ לִשְׁתּוֹק – דִּינָהּ שֶׁל נַעֲרָה זוֹ אֵינוֹ מֵנִיחַ אוֹתִי לִשְׁתּוֹק.

זֶהוּ שֶׁנֶּאֱמַר: „הַכְּצַעֲקָתָהּ הַבָּאָה אֵלַי עָשׂוּ"...

צַעֲקָתָהּ שֶׁל מִי? – שֶׁל אוֹתָהּ נַעֲרָה...

דאָס געשריי פֿון דער מיידל

אַ מעשׂה מיט צוויי מיידלעך וואָס זיינען אַראָפּגעגאַנגען אָנ־נעמען וואַסער פֿון דעם קוואַל. האָט איינע געזאָגט צו איר חבֿרטע:
— פֿאַר וואָס איז דיין פּנים קרענקלעך?

האָט זי צו איר געזאָגט: — עס האָט זיך אויסגעלאָזן אונדזער שפּייז און מיר האַלטן ביים שטאַרבן.

וואָס האָט זי געטאָן? האָט זי אָנגעפֿילט דעם קרוג מיט מעל און זיי האָבן זיך געביטן: האָט איינע גענומען וואָס אין דער האַנט פֿון דער צווייטער און די צווייטע — וואָס אין דער האַנט פֿון דער ערשטער. אַז די סדום־לייט האָבן דערשפּירט די זאַך — האָבן זיי זי גענומען און זי פֿאַרברענט.

האָט הקדוש־ברוך־הוא געזאָגט: — איצט, אַפֿילו איך זאָל וועלן שווייגן — לאָזט מיר דער משפּט איבער דער מיידל נישט שווייגן.

אָט דאָס וואָס איז געזאָגט געוואָרן: „אויב אַזוי ווי איר געשריי וואָס איז געקומען צו מיר"...

וועמעס געשריי? — דאָס געשריי פֿון יענער מיידל...

ג ע נ י ט ו נ ג 103. שרייב איבער די ווייטערדיקע זאַצן און דערקלער זיי אין ייִדיש.

א. שְׁתֵּי נְעָרוֹת יָרְדוּ לְמַלְּאוֹת מַיִם מִן הַמַּעְיָן.
ב. לָמָּה פָּנַיִךְ חוֹלָנִיּוֹת?
ג. הַמְּזוֹנוֹת כָּלוּ וַאֲנַחְנוּ נוֹטִים לָמוּת.
ד. הַנַּעֲרָה מִלְּאָה אֶת הַכַּד קֶמַח וְהֶחֱלִיפוּ.
ה. כַּאֲשֶׁר הִרְגִּישׁוּ אַנְשֵׁי סְדוֹם בַּדָּבָר, נְטָלוּהָ וּשְׂרָפוּהָ.
ו. דִּינָהּ שֶׁל נַעֲרָה זוֹ אֵינוֹ מֵנִיחַ אוֹתִי לִשְׁתּוֹק.
ז. הַכְּצַעֲקָתָהּ הַבָּאָה אֵלַי עָשׂוּ — כָּלָה.

ג ע נ י ט ו נ ג: 104. פאַרענדיק דאָס ווײַטערדיקע לויטן מוסטער.

יֶלֶד אֶחָד – יַלְדָּה אַחַת – שְׁנֵי יְלָדִים – שְׁתֵּי יְלָדוֹת.

נַעַר

אִישׁ

שָׁכֵן

קָרוֹב

ג ע נ י ט ו נ ג 105. פאַרענדיק דאָס ווײַטערדיקע לויטן מוסטער:

נְטָלוּהָ – נָטְלוּ – אוֹתָהּ   נְטָלוּהוּ – נָטְלוּ אוֹתוֹ

שְׂרָפוּהָ –   שְׂרָפוּהוּ

מְצָאוּהָ –   מְצָאוּהוּ

מְלָאוּהָ –   מְלָאוּהוּ

מְתָחוּהָ –   מְתָחוּהוּ

קְצָרוּהָ –   קְצָרוּהוּ

ג ע נ י ט ו נ ג 106. בייג די ווײַטערדיקע סובסטאַנטיוון לויט די כּ נ ו י ם.

פָּנִים – פְּנֵי, פָּנֶיךָ...

מְזוֹנוֹת – מְזוֹנוֹתַי, מְזוֹנוֹתֶיךָ...

מַיִם – מֵימַי, מֵימֶיךָ...

אֵשֶׁת לוֹט

„וַתַּבֵּט אִשְׁתּוֹ מֵאַחֲרָיו וַתְּהִי נְצִיב מֶלַח“

רַבִּי יִצְחָק אָמַר: – עַל שֶׁחָטְאָה בְּמֶלַח. בְּאוֹתָהּ הַלַּיְלָה שֶׁבָּאוּ הַמַּלְאָכִים אֶל לוֹט, אָמַר לוֹט לְאִשְׁתּוֹ: – תְּנִי לְאוֹרְחִים הַלָּלוּ קְצָת מֶלַח! אָמְרָה לוֹ: – אַף מִנְהָג רָע זֶה אַתָּה רוֹצֶה לְלַמְּדוֹ כָּאן!

מַה הִיא עוֹשָׂה? הוֹלֶכֶת אֶל כָּל שְׁכֵנוֹתֶיהָ וְאוֹמֶרֶת לָהֶן: „תְּנוּ לִי מֶלַח, שֶׁיֵּשׁ לָנוּ אוֹרְחִים“. – וְהִיא מִתְכַּוֶּנֶת שֶׁיַּכִּירוּ בָהֶם אַנְשֵׁי הָעִיר. לְפִיכָךְ – „וַתְּהִי נְצִיב מֶלַח“.

לוטס ווײַב

„און זײַן ווײַב האָט זיך אומגעקוקט פון הינטער אים און זי איז געוואָרן אַ שטיק זאַלץ“.

רַבִּי יִצְחָק האָט געזאָגט: — ווײַל זי האָט געזינדיקט מיט זאַלץ. אין יענער נאַכט ווען די מַלְאָכים זײַנען געקומען צו לוטן, האָט לוט געזאָגט צו זײַן ווײַב: — גיב די דאָזיקע אורחים אַ ביסל זאַלץ!

האָט זי געזאָגט: אויך דעם דאָזיקן שלעכטן מִנְהָג ווילסטו אויסלערנען דאָ!

וואָס זשע האָט זי געטאָן? זי איז געגאַנגען צו אירע שְׁכֵנוֹת און געזאָגט צו זיי: — „גיט מיר זאַלץ ווײַל מיר האָבן געסט“. — און זי האָט עס געטאָן בְּכִיוּון, אַז די שטאָטלײַט זאָלן זיך וועגן זיי דערוויסן. דעריבער — „איז זי געוואָרן אַ שטיק זאַלץ“.

ע נ י ט ו נ ג 107. שרייב איבער די ווײַטערדיקע זאַצן און זעץ זיי איבער אין העברעיִש.

א. לוטס ווייב האָט געזינדיקט מיט זאַלץ.
ב. גיב די געסט אַ ביסל זאַלץ!
ג. גיט אונדז זאַלץ ווײַל מיר האָבן געסט.
ד. זי גייט צו אַלע אירע שְׁכֵנוֹת.
ה. זי זאָגט צו אַלע אירע שְׁכֵנוֹת.

ע נ י ט ו נ ג 108. בייג די ווייטערדיקע סובסטאַנטיוון לויט די כנויים.

אִשָּׁה — אִשְׁתִּי, אִשְׁתְּךָ...
נָשִׁים — נָשַׁי, נָשֶׁיךָ...
שְׁכֵנָה — שְׁכֵנָתִי, שְׁכֵנָתְךָ...
שְׁכֵנוֹת — שְׁכֵנוֹתַי, שְׁכֵנוֹתֶיךָ...
סוּכָּה — סוּכָּתִי, סוּכָּתְךָ...
סוּכּוֹת — סוּכּוֹתַי, סוּכּוֹתֶיךָ...

ע נ י ט ו נ ג 109. בייג די ווערבן אין דער איצטיקער צײַט.

עוֹשֶׂה — עוֹשָׂה — עוֹשִׂים — עוֹשׂוֹת.
קוֹנֶה
רוֹצֶה
שׁוֹתֶה
רוֹאֶה
אוֹמֵר — אוֹמֶרֶת — אוֹמְרִים — אוֹמְרוֹת
נוֹתֵן
לוֹמֵד
כּוֹתֵב

געניטונג 110. שרײַב איבער די װײַטערדיקע זאַצן און דערקלער זײ אין יידיש.

א. הַמַּלְאָכִים בָּאוּ בַּלַּיְלָה אֶל לוֹט.

ב. לוֹט הָיָה אִישׁ טוֹב, אִשְׁתּוֹ הָיְתָה רָעָה.

ג. אֵשֶׁת לוֹט לֹא חָפְצָה לָתֵת לָאוֹרְחִים מֶלַח.

ד. הִיא הָיְתָה לִנְצִיב מֶלַח.

ה. הִיא סִפְּרָה לְכָל שְׁכֵנוֹתֶיהָ שֶׁיֵּשׁ בְּבֵיתָם אוֹרְחִים.

געניטונג 111. שרײַב צו דעם פּאַסיקן אַנטאָנים פֿון דעם צװײטן זײַלכל.

מֵאַחֲרָיו	מִצְוָה
חֵטְא	טוֹב
לַיְלָה	הַרְבֵּה
בָּאוּ	קְחִי
תְּנִי	יָצְאוּ
מְעַט	יוֹם
רַע	מִלְּפָנָיו
שְׁאֵלָה	תְּשׁוּבָה

בִּרְכַּת אַבְרָהָם

„כֹּה יִהְיֶה זַרְעֶךָ“ —

אָמַר רַבִּי לֵוִי בְּשֵׁם רַ' יוֹחָנָן: לְמָה הַדָּבָר דּוֹמֶה? לְמִי שֶׁיָּצָא לַדֶּרֶךְ וְהָלַךְ בַּמִּדְבָּר יוֹם רִאשׁוֹן, יוֹם שֵׁנִי וְיוֹם שְׁלִישִׁי עַד עֲשָׂרָה יָמִים,

וְלֹא נִמְצָא לוֹ לֹא עִיר וְלֹא פוּנְדָק, לֹא אִילָן וְלֹא מַיִם וְלֹא בְּרִיָּה. וְאַחַר שֶׁהָלַךְ עֲשָׂרָה יָמִים צָפָה אִילָן אֶחָד מֵרָחוֹק. אָמַר: — שֶׁמָּא יֵשׁ תַּחְתָּיו מַיִם?

כֵּיוָן שֶׁהִגִּיעַ אֶצְלוֹ, מְצָאוֹ עוֹמֵד עַל הַמַּעְיָן וְעָרֵב לוֹ וְשָׁבַת עָלָיו.

כֵּיוָן שֶׁעָמַד לֵילֵךְ, אָמַר לָאִילָן: — אִילָן, אִילָן בַּמֶּה אֲבָרֶכְךָ וּמַה יֵּשׁ לִי לוֹמַר לְךָ?

שֶׁיְּהֵא עֵצְךָ נָאֶה — נָאֶה הוּא;

שֶׁיְּהֵא צִלְּךָ נָאֶה — כְּבָר הוּא נָאֶה;

שֶׁיִּהְיוּ עֲנָפֶיךָ נָאִים — נָאִים הֵם;

שֶׁיִּהְיוּ פֵּרוֹתֶיךָ מְתוּקִים — מְתוּקִים הֵם;

שֶׁיְּהֵא מַעְיָן יוֹצֵא מִתַּחַת שָׁרְשְׁךָ — כְּבָר מַעְיָן יוֹצֵא מִתַּחַת שָׁרְשְׁךָ;

שֶׁתְּהֵא עוֹמֵד בְּמָקוֹם חָבִיב — בְּמָקוֹם חָבִיב אַתָּה עוֹמֵד, — בַּמֶּה אֲבָרֶכְךָ?

אֶלָּא כָּל הַנְּטִיעוֹת הָעוֹמְדוֹת מִמְּךָ יִהְיוּ כְּמוֹתְךָ.

אַבְרָהָמס בְּרָכָה

„אַזוי זאָלן זײַן דײַנע קינדער" —

האָט געזאָגט רַבּי לֵוִי און רַבּי יוֹחָנָנס נאָמען: צו וואָס איז די זאַך געגליכן? צו עמיצן וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין וועג, און איז געגאַנגען אין דעם מִדבָּר איין טאָג, צוויי טעג און דרײַ טעג ביז צען טעג, און ער האָט נישט געפונען פאַר זיך נישט קיין שטאָט און נישט קיין אַכסַניָה, נישט קיין בוים און נישט קיין וואַסער און נישט קיין באַשעפעניש. און נאָך דעם ווי ער איז אָפּגעגאַנגען צען טעג האָט ער דערזען אַ בוים פון דער ווײַטנס. האָט ער געזאָגט: — אֶפשר איז דאָ אונטער אים וואַסער?

אַז ער איז צוגעקומען צו אים, האָט ער אים געטראָפן, אַז ער שטייט בײַ אַ קוואַל און ער איז אים געפעלן געוואָרן און ער האָט זיך אָפּגערוט לעבן אים.

אַז ער האָט זיך אויפגעשטעלט אויף אַוועקצוגיין, האָט ער געזאָגט צו דעם בוים: — בוים, בוים, מיט וואָס זאָל איך דיך בענטשן און וואָס זאָל איך דיר זאָגן?

אַז דײַן האָלץ זאָל זײַן שיין — איז עס שיין;

אַז דײַן שאָטן זאָל זײַן שיין — איז ער שוין שיין;

אַז דײַנע צווײַגן זאָלן זײַן שיינע — זײַנען זיי שיינע;

אַז דײַנע פרוכטן זאָלן זײַן זיסע — זײַנען זיי זיסע;

אַ אַ קוואַל זאָל אַרויסשטראָמען פון אונטער דײַן וואָרצל — שטראָמט שוין אַרויס אַ קוואַל פון אונטער דײַן וואָרצל;

אַז דו זאָלסט שטיין אין אַ ליבן אָרט — שטייסטו אין אַ ליבן אָרט, — מיט וואָס זאָל זשע איך דיך בענטשן?

נאָר, אַז אַלע פלאַנצן וואָס וועלן אַרויסקומען פון דיר, זאָלן זײַן ווי דו.

ב.

כָּךְ, כְּשֶׁבָּרָא הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא אֶת הָעוֹלָם עָמְדוּ עֶשְׂרִים דּוֹר וְלֹא הָיְתָה בָּהֶם תּוֹעֶלֶת וְלֹא עָמַד מֵהֶם צַדִּיק. אַחַר עֶשְׂרִים דּוֹר

צָפָה הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא אֶת אַבְרָהָם, שֶׁהָיָה נָתוּן בְּאֶרֶץ כַּשְׂדִּים. וְאָמַר הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: — תֹּאמַר שֶׁיֵּשׁ בּוֹ כֹּחַ לַעֲמוֹד?

כֵּיוָן שֶׁהִשְׁלִיכוּ אוֹתוֹ לְכִבְשַׁן הָאֵשׁ וְקִדֵּשׁ שְׁמוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא וְעָמַד בְּנִסְיוֹנוֹ, מִיָּד קֵרְבוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

בָּנָה לוֹ אַבְרָהָם אֶת הַפּוּנְדָּק וְהָיָה זָן עוֹבְרִים וְשָׁבִים, וְהָיָה מַכְנִיס אֶת הַבְּרִיּוֹת תַּחַת כַּנְפֵי הַשְּׁכִינָה וְהוֹדִיעַ כְּבוֹדוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא בָּעוֹלָם.

אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: — אַבְרָהָם, אַבְרָהָם, מַה יֵּשׁ לִי לוֹמַר לְךָ וּבַמֶּה אֲבָרְכֶךָּ?

שֶׁתְּהֵא שָׁלֵם וְצַדִּיק לְפָנַי, אוֹ שֶׁתְּהֵא שָׂרָה אִשְׁתְּךָ צַדֶּקֶת לְפָנַי — צַדִּיק אַתָּה וְשָׂרָה אִשְׁתְּךָ צַדֶּקֶת לְפָנַי; אוֹ שֶׁיִּהְיוּ כָּל בְּנֵי בֵיתְךָ צַדִּיקִים — צַדִּיקִים הֵם לְפָנַי — מַה יֵּשׁ לִי לְבָרֶכְךָ?

אֶלָּא כָּל בָּנִים שֶׁעֲתִידִים לַעֲמוֹד מִמְּךָ יִהְיוּ כְּמוֹתְךָ.

ב

אַזוי אויך, ווען גאָט האָט באַשאַפֿן די וועלט, זיינען אויפֿגעקומען צוואַנציק דורות און עס איז נישט געווען אין זיי קיין גוף און עס איז פֿון זיי נישט אויפֿגעשטאַנען קיין צדיק. נאָך צוואַנציק דורות האָט גאָט דערזען אַבֿרהמען וואָס איז געווען אין לאַנד כּשׂדים. האָט גאָט געזאָגט: — קען מען זאָגן, אַז ער האָט געגוג פּוֹח בּײַצושטיין?

אַז מען האָט אים אַרײַנגעוואָרפֿן אין קאַלכאויוון און ער האָט מְקַדֵש געווען גאָטס נאָמען (ער איז געגאַנגען אויף קידוש־הַשֵם) און איז בּײַגעשטאַנען דעם נִסָיון, האָט אים גלײַך גאָט געבראַכט קיין אֶרֶץ־יִשְרָאֵל.

האָט אַבְרָהם זיך אויפֿגעבויט די אַכסַניָה און פֿלעגט שפּײַזן די דורכגייער, און פֿלעגט אַרײַנברענגען די מענטשן אונטער די פֿליגלען פֿון דער שכִינָה און האָט באַוויזן געמאַכט גאָטס כָּבוד איבער דער וועלט.

האָט גאָט צו אים געזאָגט: — אַבֿרהם, אַבֿרהם, וואָס האָב איך דיר צו זאָגן און מיט וואָס זאָל איך דיך בענטשן?

אַז דו זאָלסט זיין אַן אָרנטלעכער און אַ צַדיק פֿאַר מיר, אָדער אַז שָׂרָה דײַן ווײַב זאָל זײַן אַ צַדֶיקֶת פֿאַר מיר — ביסטו אַ צַדיק און שָׂרָה דײַן ווײַב איז אַ צַדֶיקֶת פֿאַר מיר. אָדער אַז דײַן גאַנץ הויזגעזינד זאָלן זײַן צַדיקים — זיינען זיי צַדיקים פֿאַר מיר, — טאָ וואָס האָב איך דיר צו ווינטשן?

נאָר אַז אַלע קינדער וואָס וועלן אַרויסקומען פֿון דיר זאָלן זײַן ווי דו.

גענימונג 112. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע זאַצן און דערקלער זיי אין ייִדיש.

א. אִישׁ אֶחָד הָלַךְ בַּמִּדְבָּר עֲשָׂרָה יָמִים.

ב. הָאִישׁ לֹא מָצָא בַּמִּדְבָּר לֹא אִילָן וְלֹא מַיִם וְלֹא בְרִיָה.

ג. אַחַר עֲשָׂרָה יָמִים רָאָה מֵרָחוֹק אִילָן אֶחָד.

ד. תַּחַת הָאִילָן הָיָה מַעְיָן.

ה. הוּא יָשַׁב תַּחְתָּיו וְשָׁבַת עָלָיו.

ג ע נ י ט ו נ ג 113. שרײַב אָן די װײַטערדיקע שמות־עֶצֶם אין מערצאָל.

דֶּרֶךְ — דְּרָכִים, דָּבָר — ...., עֵץ — ....,
צֵל — צְלָלִים, עָנָף — ...., שׁוֹרֶשׁ — ....,
מִדְבָּר — מִדְבָּרִיּוֹת, אִילָן — ...., מַעְיָן — ....,
מָקוֹם — ...., פְּרִי — פֵּרוֹת.

ג ע נ י ט ו נ ג 114. שרײַב איבער די װײַטערדיקע זאַצן און דערקלער זײ אין ייִדיש.

א. כְּשֶׁבָּרָא אֱלוֹהִים אֶת הָעוֹלָם, עָבְרוּ עֶשְׂרִים דּוֹר וְלֹא עָמַד מֵהֶם צַדִּיק אֶחָד.

ב. אַחַר עֶשְׂרִים דּוֹר נוֹלַד אַבְרָהָם אָבִינוּ.

ג. אַבְרָהָם עָמַד בַּנִּסָּיוֹן וְקִדֵּשׁ שְׁמוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא.

ד. הוּא בָּנָה לוֹ פּוּנְדָּק וְהָיָה זָן אֶת הָעוֹבְרִים וְשָׁבִים.

ה. הוּא הִכְנִים אֶת כָּל הַבְּרִיּוֹת תַּחַת כַּנְפֵי הַשְּׁכִינָה.

ו. הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם, שֶׁכָּל בָּנָיו שֶׁעֲתִידִים לְהִוָּלֵד מִמֶּנּוּ יִהְיוּ כְּמוֹתוֹ.

ז. הָאִישׁ בֵּרַךְ אֶת הָאִילָן, שֶׁכָּל הַנְּטִיעוֹת שֶׁיֵּצְאוּ מִמֶּנּוּ יִהְיוּ כְּמוֹתוֹ.

ג ע נ י ט ו נ ג 115. שרײַב אָן די װײַטערדיקע שמות־עֶצֶם אין מערצאָל.

עוֹלָם — עוֹלָמוֹת, דּוֹר — ...., שֵׁם — ...., נִסָּיוֹן — ....,
צַדִּיק — צַדִּיקִים, בֵּן — ...., אִשָּׁה — נָשִׁים.

זְמַן עָבַר [פאַרגאַנגענע צײַט]

גענימונג 116. שרײַב איבער די װײַטערדיקע בײגונגען פון דעם װערב.

מערצאָל — זָכָר	אײנצאָל — זָכָר
אָמַרְ - נוּ	אָמַרְ-תִּי
אֲמַרְ - תֶּם	אָמַרְ-תָּ
אָמְרוּ	אָמַר

מערצאָל — נְקֵבָה	אײנצאָל — נְקֵבָה
אָמַר - נוּ	אָמַרְ - תִּי
אֲמַר - תֶּן	אָמַרְ - תְּ
אָמְר - וּ	אָמְרָ - ה

אין זְמַן עָבַר האָט דער װערב פאָלגנדיקע ענדונגען:

אײנצאָל: ערשטע פּערזאָן, מענלעכער און װײבּלעכער מין — די ענדונג — תִּי
צװײטע פּערזאָן, מענלעכער מין — תָּ
דריטע פּערזאָן, מענלעכער מין — ניט קײן ענדונג, װײבּלי מין —ָ ה

מערצאָל: ערשטע פּערזאָן, מענלעכער און װײבּלעכער מין — די ענדונג — נוּ
צװײטע פּערזאָן, מענלעכער מין — תֶּם, װײבּלעכער מין — תֶּן
דריטע פּערזאָן, מענלעכער און װײבּלעכער מין — וּ

גענימונג 117. לײטן מוסטער פון **אָמַר** בײג די װײַטערדיקע װערבן.

עָמֹד, הָלַךְ אָכֹל, חָלַם.

אַבְרָהָם אֵצֶל יִשְׁמָעֵאל

„וַיַּשְׁכֵּם אַבְרָהָם בַּבּוֹקֶר... וַיְשַׁלְּחֶהָ" –
לָקַח אֶת הַדַּרְדּוּר וְקָשַׁר בְּמָתְנֶיהָ שֶׁל הָגָר, כְּדֵי שֶׁיְּהֵא סָחוּב אַחֲרֶיהָ, וּכְשֶׁיִּרְצֶה אַבְרָהָם לִרְאוֹת אֶת יִשְׁמָעֵאל בְּנוֹ יִרְאֶה אֶת הַדֶּרֶךְ שֶׁהָלְכוּ בָּהּ. וַיֵּשֶׁב יִשְׁמָעֵאל בְּמִדְבַּר פָּארָן וְלָקַח לוֹ אִשָּׁה מֵעַרְבוֹת מוֹאָב וְעִיסָה שְׁמָהּ.

לְאַחַר שָׁלוֹשׁ שָׁנִים הָלַךְ אַבְרָהָם לִרְאוֹת אֶת יִשְׁמָעֵאל בְּנוֹ בְּמִדְבַּר פָּארָן, וְנִשְׁבַּע לְשָׂרָה שֶׁלֹּא יֵרֵד מִן הַגָּמָל בַּמָּקוֹם שֶׁיִּשְׁמָעֵאל שָׁרוּי שָׁם, וְהִגִּיעַ לְשָׁם בַּחֲצִי הַיּוֹם. מָצָא שָׁם אֶת אִשְׁתּוֹ שֶׁל יִשְׁמָעֵאל וְאָמַר לָהּ: – הֵיכָן הוּא יִשְׁמָעֵאל?

אָמְרָה לוֹ: – הָלַךְ הוּא וְאִמּוֹ לְהָבִיא פֵּרוֹת וּתְמָרִים מִן הַמִּדְבָּר.

אָמַר לָהּ אַבְרָהָם: – תְּנִי לִי מְעַט מַיִם וּמְעַט לֶחֶם, כִּי עָיְפָה נַפְשִׁי מִדֶּרֶךְ הַמִּדְבָּר.

אָמְרָה לוֹ: – אֵין לֶחֶם וְאֵין מַיִם!

אָמַר לָהּ: – כְּשֶׁיָּבוֹא יִשְׁמָעֵאל בַּעְלֵךְ,
אִמְרִי לוֹ: בָּא זָקֵן אֶחָד מֵאֶרֶץ כְּנַעַן לִרְאוֹתְךָ
וְאָמַר שֶׁסַּף הַבַּיִת אֵינוֹ טוֹב.

כְּשֶׁבָּא יִשְׁמָעֵאל הִגִּידָה לוֹ אִשְׁתּוֹ אֶת
הַדָּבָר – וְשִׁלְּחָהּ.

שָׁלְחָה אִמּוֹ וְלָקְחָה לוֹ אִשָּׁה מִבֵּית אָבִיהָ
מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם וּשְׁמָהּ פָּטִימָה.

אַבְרָהָם בײַ יִשְׁמָעֵאלן

„האָט אַברהם זיך געפּעדערט אין דער פרי.... און האָט זי אַוועקגעשיקט" —

ער האָט געגומען אַ קערבל און האָט עס אָנגעבונדן אין הָגרס לענדן, כדי עס זאָל זיך נאָכשלעפּן הינטער איר, און אַז אַברהם וועט וועלן זען יִשְׁמָעֵאלן זײַן זון, וועט ער זען דעם וועג וואָס זיי זײַנען געגאַנגען אויף אים. און ישמָעֵאל האָט זיך באַזעצט אין מִדְבַּר פָּארָן און ער האָט זיך גענומען אַ ווײַב פון די סטעפּעס פון מוֹאָב און עִיפָה איז איר נאָמען.

נאָך דרײַ יאָר איז אַברהם געגאַנגען זען יִשְׁמָעֵאלן זײַן זון אין דעם מִידְבַּר פָּארָן, און ער האָט געשוואָרן שָׂרָהן, אַז ער וועט נישט אַראָפּגיין פון דעם קעמל אין דעם אָרט ווו יִשְׁמָעֵאל וווינט. ער איז געקומען אַהין אין מיטן טאָג. ער האָט דאָרטן געטראָפן יִשְׁמָעֵאלס ווײַב און האָט צו איר געזאָגט: — ווו איז יִשְׁמָעֵאל?

האָט זי צו אים געזאָגט: — ער איז געגאַנגען מיט זײַן מוטער ברענגען פרוכטן און טייטלען פון דעם מִידְבָּר.

האָט געזאָגט צו איר אַבְרָהָם: — גיב מיר אַ ביסל וואַסער און אַ שטיקל ברויט, ווייל מײַן זעל איז פאַרמאַטערט געוואָרן פון דעם וועג אין מִידְבָּר.

האָט זי צו אים געזאָגט: — נישטאָ קיין ברויט און נישטאָ קיין וואַסער!

האָט ער (אַברהם) צו איר געזאָגט: — אַז ישמָעאֵל דײַן מאַן וועט קומען, זאָג אים: עס איז געקומען אַ זָקן פון לאַנד כּנַעַן דיך זען און ער האָט געזאָגט, אַז די שוועל פון דער שטוב איז נישט קיין גוטע.

אַז ישמָעאֵל איז געקומען האָט אים זײַן פרוי געזאָגט דאָס — און ער האָט זי אַוועקגעשיקט (אָפּגעגט).

האָט זײַן מאַמע געשיקט און גענומען פאַר אים אַ פרוי פון איר פאָטערס הויז פון לאַנד מִצרַיִם און איר נאָמען איז געווען פְּטִימָה.

ב.

לְאַחַר שְׁלוֹשׁ שָׁנִים הָלַךְ אַבְרָהָם שׁוּב לִרְאוֹת אֶת יִשְׁמָעֵאל בְּנוֹ, וְנִשְׁבַּע לְשָׂרָה כְּפַעַם רִאשׁוֹנָה שֶׁלֹּא יֵרֵד מִן הַגָּמָל בִּמְקוֹם שֶׁיִּשְׁמָעֵאל שָׁרוּי שָׁם.

הִגִּיעַ לְשָׁם בַּחֲצִי הַיּוֹם וּמָצָא שָׁם אֶת אִשְׁתּוֹ שֶׁל יִשְׁמָעֵאל. אָמַר לָהּ: — הֵיכָן הוּא יִשְׁמָעֵאל?

אָמְרָה לוֹ: — הָלַךְ הוּא וְאִמּוֹ לִרְעוֹת אֶת הַגְּמַלִּים בַּמִּדְבָּר.

אָמַר לָהּ: — תְּנִי לִי מְעַט לֶחֶם וּמְעַט מַיִם, כִּי עָיְפָה נַפְשִׁי מִדֶּרֶךְ הַמִּדְבָּר.

הוֹצִיאָה וְנָתְנָה לוֹ. עָמַד אַבְרָהָם וְהָיָה מִתְפַּלֵּל לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא עַל בְּנוֹ וְנִתְמַלֵּא בֵּיתוֹ שֶׁל יִשְׁמָעֵאל כָּל טוּב. וּכְשֶׁבָּא יִשְׁמָעֵאל הִגִּידָה לוֹ אִשְׁתּוֹ אֶת הַדָּבָר הַזֶּה, וְיָדַע יִשְׁמָעֵאל שֶׁעַד עַכְשָׁו רַחֲמֵי אָבִיו עָלָיו.

ב

אין דריי יאָר אַרום איז אַבְרָהם ווידער געגאַנגען זען זײַן זון ישמָעאלן און ער האָט געשוואָרן שָׂרָהן ווי דאָס ערשטע מאָל, אַז ער וועט נישט אַראָפּגיין פון קעמל אין דעם אָרט וווּ יִשמָעאל וווינט.

ער איז אַהין געקומען אין האַלבן טאָג און געפונען דאָרטן ישמעאלס ווײַב. האָט ער צו איר געזאָגט: — ווו איז ישמעאל?

האָט זי געזאָגט: — ער און זײַן מאַמע זײַנען געגאַנגען פיטערן די קעמלען אין דעם מידבר.

האָט ער צו איר געזאָגט: — גיב מיר אַ שטיקל ברויט און אַ ביסל וואַסער, ווייל מיין זעל איז פאַרמאַטערט געוואָרן פון דעם וועג אין מידבר.

האַט זי אַרויסגעטראַגן און אים געגעבן. האַט זיך אַבְרָהם געשטעלט און האָט מִתפַּלֵל געווען פאַר הַקָדוֹש־בָּרוּך־הוּא וועגן זײַן זון און ישמָעאֵלס שטוב איז פול געוואָרן מיט אַלדאָס גוטס.

אַז ישמָעאל איז געקומען האָט אים זײַן ווײַב דערציילט די דאָזיקע געשעעניש, האָט יִשמָעאֵל פאַרשטאַנען, אַז ביז איצט איז זיין פאָטער פול מיט רַחמָנוּת צו אים.

געניטונג 118. שרייב איבער די ווייטערדיקע זאצן און דערקלער זיי אין יידיש.

א. אַבְרָהָם לָקַח אֶת הַדִּרְדּוּר וְקָשַׁר בְּמָתְנֶיהָ שֶׁל הָגָר.

ב. הַדִּרְדּוּר נִסְחַב אַחֲרֶיהָ וְאַבְרָהָם רָאָה אֶת הַדֶּרֶךְ שֶׁהָלְכוּ בָהּ.

ג. לְאַחַר שָׁלוֹשׁ שָׁנִים הָלַךְ אַבְרָהָם לִרְאוֹת אֶת יִשְׁמָעֵאל בְּנוֹ.

ד. אַבְרָהָם נִשְׁבַּע לְשָׂרָה שֶׁלֹּא יֵרֵד מִן הַגָּמָל בִּמְקוֹם שֶׁיִּשְׁמָעֵאל גָּר.

ה. יִשְׁמָעֵאל הָלַךְ לְהָבִיא פֵּרוֹת וּתְמָרִים מִן הַמִּדְבָּר.

געניטונג 119. שרייב איבער די ווייטערדיקע בייגונגען פון ווערב.

זְמַן הֹוֶה	זְמַן עָבָר
אֲנִי לוֹקֵחַ	לָקַחְ — תִּי
אַתָּה לוֹקֵחַ	לָקַחְ — תָּ
הוּא לוֹקֵחַ	לָקַח
אֲנִי לוֹקַחַת	לָקַחְ — תִּי
אַתְּ לוֹקַחַת	לָקַחְ — תְּ
הִיא לוֹקַחַת	לָקְחָ — ה
אֲנַחְנוּ לוֹקְחִים	לָקַחְ - נוּ
אַתֶּם לוֹקְחִים	לְקַחְ - תֶּם
הֵם לוֹקְחִים	לָקְח - וּ
אֲנַחְנוּ לוֹקְחוֹת	לָקַח - נוּ
אַתֶּן לוֹקְחוֹת	לְקַחְ - תֶּן
הֵן לוֹקְחוֹת	לָקְח - וּ

זְמַן הֹוֶה	זְמַן עָבָר
אֲנִי קוֹשֵׁר	קָשַׁר - תִּי
אַתָּה קוֹשֵׁר	קָשַׁר - תָּ
הוּא קוֹשֵׁר	קָשַׁר
אֲנִי קוֹשֶׁרֶת	קָשַׁר - תִּי
אַתְּ קוֹשֶׁרֶת	קָשַׁר - תְּ
הִיא קוֹשֶׁרֶת	קָשְׁרָ - ה
אֲנַחְנוּ קוֹשְׁרִים	קָשַׁר - נוּ
אַתֶּם קוֹשְׁרִים	קְשַׁר - תֶּם
הֵם קוֹשְׁרִים	קָשְׁר - וּ
אֲנַחְנוּ קוֹשְׁרוֹת	קָשַׁר - נוּ
אַתֶּן קוֹשְׁרוֹת	קְשַׁר - תֶּן
הֵן קוֹשְׁרוֹת	קָשְׁר - וּ

געניטונג 120. שרײַב איבער די װײַטערדיקע זאַצן און זעץ זיי איבער אין העברעיש.

א. אין דרײַ יאָר אַרום איז אַבְרָהָם ווידער געגאַנגען זען יִשְׁמָעֵאלן זײַן זון.

ב. ער האָט געשוואוירן שרהן אַז ער וועט ניט אַראָפּגיין פון קעמל.

ג. ישְׁמָעֵאל און זיין מאַמע זײַנען געגאַנגען פיטערן די קעמלען אין מִדבר.

ד. אברהם האָט געזאָגט צו יִשְׁמָעֵאלס ווײַב: גיב מיר ברויט און וואַסער!

ג ע נ י ט ו נ ג 121. בייג די ווייטערדיקע ווערבן אין דער איצ־ טיקער און פאַרגאַנגענער צייט.

סָחַב, יָשַׁב לָמַד, שָׁאַל, לָבַשׁ.

ג ע נ י ט ו נ ג 122. שרײַב צו דעם ריכטיקן סינאָנים פון דעם צווייטן זײַלכל.

שָׂרוּי — בָּא	הִגִּידָה — מִשְׁפָּחָה
הֵיכָן — גָּר	בֵּית-אָב — עוֹד פַּעַם
הִגִּיעַ — אַיֵּה	שׁוּב — סִפְּרָה

ג ע נ י ט ו נ ג 123. שרייב איבער די ווײַטערדיקע בייגונגען פון ווערב.

הוֶֹה	עָבַר	הוֶֹה	עָבַר
אֲנִי רוֹאֶה	— רָאִיתִי	אֲנִי עוֹשֶׂה	— עָשִׂיתִי
אַתָּה רוֹאֶה	— רָאִיתָ	אתה עוֹשֶׂה	— עָשִׂיתָ
הוּא רוֹאֶה	— רָאָה	הוּא עוֹשֶׂה	— עָשָׂה
אֲנִי רוֹאָה	— רָאִיתִי	אני עוֹשָׂה	— עָשִׂיתִי
אַתְּ רוֹאָה	— רָאִיתְ	את עוֹשָׂה	— עָשִׂיתְ
הִיא רוֹאָה	— רָאֲתָה	היא עוֹשָׂה	— עָשְׂתָה
אֲנַחְנוּ רוֹאִים	— רָאִינוּ	אנחנו עוֹשִׂים	— עָשִׂינוּ
אַתֶּם רוֹאִים	— רְאִיתֶם	אתם עוֹשִׂים	— עֲשִׂיתֶם
הֵם רוֹאִים	— רָאוּ	הם עוֹשִׂים	— עָשׂוּ
אֲנַחְנוּ רוֹאוֹת	— רָאִינוּ	אנחנו עוֹשׂוֹת	— עָשִׂינוּ
אַתֶּן רוֹאוֹת	— רְאִיתֶן	אתן עוֹשׂוֹת	— עֲשִׂיתֶן
הֵן רוֹאוֹת	— רָאוּ	הן עוֹשׂוֹת	— עָשׂוּ

בַּעֲנִיטוּנג 124. בייג די ווייטערדיקע ווערבן אין חִוָּה און אין עָבַר.

רָעֹה, צָפֹה, שָׁתֹה, בָּנֹה.

עֲקֵדַת יִצְחָק

„וַיְהִי אַחַר הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וְהָאֱלֹהִים נִסָּה אֶת אַבְרָהָם"

— מַהוּ „אַחַר"? אַחַר דְּבָרָיו שֶׁל מִי?

אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן בְּשֵׁם רַ' יוֹסִי בֶּן זִמְרָא:

— אַחַר דְּבָרָיו שֶׁל שָׂטָן, שֶׁנֶּאֱמַר: „וַיִּגְדַּל הַיֶּלֶד וַיִּגָּמַל" — אָמַר שָׂטָן לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: — רִיבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם, זָקֵן זֶה חֲנַנְתּוֹ לְמֵאָה שָׁנָה פְּרִי־בֶטֶן, מִכָּל סְעוּדָה שֶׁעָשָׂה לֹא הִקְרִיב לְפָנֶיךָ תּוֹר אֶחָד אוֹ גוֹזָל אֶחָד.

אָמַר לוֹ: — כְּלוּם עָשָׂה אֶלָּא בִּשְׁבִיל בְּנוֹ, אִם אֲנִי אוֹמֵר לוֹ: „זְבַח אֶת בִּנְךָ לְפָנַי", מִיָּד זוֹבְחוֹ.

אָמַר הַשָּׂטָן לְפָנָיו: — נַסֵּהוּ!

מִיָּד „וְהָאֱלוֹהִים נִסָּה אֶת אַבְרָהָם".

יִצְחָקס עֲקֵדָה

„און עס איז געווען נאָך די דאָזיקע געשעענישן און גאָט האָט געפּרוּווט אַבְרָהָמען".

— וואָס באַטייט „נאָך"? נאָך וועמעס רייד?

האָט געזאָגט רַבִּי יוֹחָנָן אין רַבִּי יוֹסִי בֶּן זִמְרָאס נאָמען: — נאָך די רייד פון שָׂטָן, ווייל עס איז געזאָגט געוואָרן: „און דאָס קינד איז געוואַקסן און איז אַנטוווינט געוואָרן" — האָט דער שָׂטָן געזאָגט פאַר גאָט: — רִיבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם, דעם אַלטיטשקן האָסטו באַשאָנקען צו הונדערט יאָר אַ קינד, פון יעטוועדער סְעוּדָה וואָס ער האָט גע־מאַכט האָט ער פאַר דיר נישט מַקְרִיב געווען נישט קיין אַלטע און נישט קיין יונגע טויב.

האָט ער צו אים געזאָגט: — ער האָט דאָך דאָס אַלץ געטאָן נאָר פאַר זיין זון, אויב איך וועל אים זאָגן: „שעכט דיין זון פאַר מיר", וועט ער אים באַלד שעכטן.

האָט געזאָגט דער שָׂטָן: — פּרוּוו אים אויס!

באַלד „און גאָט האָט געפּרוּווט אַבְרָהָמען"...

ב.

„וַיֹּאמֶר: קַח נָא אֶת בִּנְךָ"...

אָמַר לוֹ אַבְרָהָם: — שְׁנֵי בָנִים יֵשׁ לִי!

— „אֶת יְחִידְךָ".

אָמַר לוֹ: — זֶה יָחִיד לְאִמּוֹ וְזֶה יָחִיד לְאִמּוֹ!

— „אֲשֶׁר אָהַבְתָּ".

אָמַר לְפָנָיו: — רִיבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם, וְכִי יֵשׁ גְּבוּל בְּמֵעַיִם?

— „אֶת יִצְחָק".

וְכָל כָּךְ לָמָּה? כְּדֵי שֶׁלֹּא תִּטָּרֵף דַּעְתּוֹ עָלָיו.

„וְהַעֲלֵהוּ שָׁם לְעוֹלָה עַל אַחַד הֶהָרִים".

אָמַר לְפָנָיו — עַל אֵיזֶה הַר?

אָמַר לוֹ: — בְּכָל מָקוֹם שֶׁתִּרְאֶה כְּבוֹדִי עוֹמֵד וּמַמְתִּין לְךָ.

ב

„און ער האָט געזאָגט: נעם דײַן זון"...

האָט געזאָגט צו אים אַברהם: — צוויי זין האָב איך!

— „דײַן איין און איינציקן".

האָט ער צו אים געזאָגט: — דער איז אַן איין און איינציקער בײַ זײַן מאַמען און דער איז אַן איין און איינציקער בײַ זײַן מאַמען.

— „וואָס דו האָסט ליב".

האָט ער פאַר אים געזאָגט: — ריבונו־של־עולם, איז דען דאָ אַ גרענעץ אין אינגעווייד?

— „יִצְחָקן".

און דאָס אַלץ צוליב וואָס? כדי זײַן געדאַנק זאָל זיך נישט צעטומלען.

„און ברענג אים דאָרטן פאַר אַ קרבן אויף איינעם פון די בערג"

האָט ער געזאָגט פאַר אים: — אויף וואָסער באַרג?

האָט ער אים געזאָגט: — אומעטום וווּ דו וועסט זען מײַן כָּבוֹד שטיין און וואַרטן אויף דיר. *)

---

*) יעדער אָרט וווּ מענטשן זעען און פילן גאָט און וווּ זיי טוען וואָס ער הייסט — איז הייליק.

ג.

בְּאוֹתָהּ שָׁעָה הִרְהֵר אַבְרָהָם בְּלִבּוֹ וְאָמַר: – מָה אֶעֱשֶׂה? אִם אֲנִי מוֹדִיעַ לְשָׂרָה – נָשִׁים דַּעְתָּן קַלָּה; וְאִם אֵינִי מוֹדִיעָהּ וְאֶגְנְבֶנּוּ, כֵּיוָן שֶׁלֹּא תִרְאֶה אוֹתוֹ תֶּחֱנֹק אֶת עַצְמָהּ.

מֶה עָשָׂה? אָמַר לְשָׂרָה: – תַּקְנִי לָנוּ מַאֲכָל וּמִשְׁתֶּה וְנִשְׂמַח הַיּוֹם.

אָמְרָה לוֹ: – מַה טִּיבָהּ שֶׁל שִׂמְחָה זוֹ?

אָמַר לָהּ: זְקֵנִים כְּמוֹתֵנוּ נוֹלַד לָהֶם בֵּן בְּזִקְנוּתָם וְלֹא יִשְׂמְחוּ?

הָלְכָה וְתִקְּנָה הַמַּאֲכָל. בְּתוֹךְ הַסְּעוּדָה אָמַר לָהּ: – אַתְּ יוֹדַעַת, כְּשֶׁהָיִיתִי בֶּן שָׁלוֹשׁ שָׁנִים הִכַּרְתִּי אֶת בּוֹרְאִי וְנַעַר זֶה גָּדֵל וְלֹא נֶחֱנַךְ, וְיֵשׁ מָקוֹם אֶחָד, שֶׁשָּׁם מְחַנְּכִין הַתִּינוֹקוֹת, אוֹלִיכֶנּוּ לְשָׁם.

אָמְרָה לוֹ: – קָחֶנּוּ לְשָׁלוֹם!

ג

אין יענער שָעה האָט אַברהם געטראַכט ביי זיך אין האַרצן און האָט געזאָגט: — וואָס זאָל איך טאָן? אויב איך וועל עס צו וויסן געבן שָׂרהן — איז ביי פרויען דער געדאַנק צו לייכט (און זי וועט נישט מַסכּים זיין אויף דעם); זאָל איך איר נישט צו וויסן געבן און אים אַרויסגנבענען, איז, אַז זי וועט אים נישט זען וועט זי זיך דערווערגן.

וואָס האָט ער געטאָן? האָט ער געזאָגט צו שָׂרהן: — גרייט אונדז אָן עסן און טרינקען און מיר וועלן זיך היינט מְשַׂמֵח זיין.

האָט זי געזאָגט צו אים: — וואָסער גוטס איז פאַראַן אין דער שִׂמחה?

האָט ער צו איר געזאָגט: — ביי אַזוינע זְקֵנים ווי מיר זיינען, איז געבוירן געוואָרן אַ זון אויף דער עלטער און מיר זאָלן זיך נישט פרייען.

איז זי געגאַנגען און האָט צוגעגרייט דאָס עסן. אין מיטן דער סעודה, האָט ער צו איר געזאָגט: — דו ווייסט, ווען איך בין אַלט געווען דריי יאָר האָב איך שוין דערקענט מיין באַשעפער און דער דאָזיקער יינגל וואַקסט און ווערט נישט דערצויגן; עס איז פאַראַן אַן אָרט, וואָס דאָרטן דערציט מען קינדער, וועל איך אים אַוועקפירן אַהין.

האָט זי צו אים געזאָגט: — נעם אים געזונטערהייט!

ד.

„וַיִּקַּח אֶת שְׁנֵי נְעָרָיו אִתּוֹ".

— מִי הֵם שְׁנֵי הַנְּעָרִים? — אֵלּוּ יִשְׁמָעֵאל וֶאֱלִיעֶזֶר. אָמַר: — עַד שֶׁאַקְרִיבֵנוּ יִשְׁמְרוּ הֵם אֶת הַכֵּלִים.

נִכְנְסָה תַחֲרוּת בֵּין יִשְׁמָעֵאל וֶאֱלִיעֶזֶר. אָמַר יִשְׁמָעֵאל: — עַכְשָׁו מַקְרִיב אַבָּא אֶת יִצְחָק בְּנוֹ לְעוֹלָה, וַאֲנִי בְּנוֹ בְּכוֹרוֹ, וַאֲנִי הוּא יוֹרֵשׁ אוֹתוֹ.

אָמַר לוֹ אֱלִיעֶזֶר: — כְּבָר גֵּרַשְׁךָ אָבִיךָ וְשִׁלַּחֲךָ לַמִּדְבָּר; אֲבָל אֲנִי עַבְדּוֹ, מְשָׁרֵת בֵּיתוֹ בַּיּוֹם וּבַלַּיְלָה וַאֲנִי הַיּוֹרֵשׁ.

וְרוּחַ הַקֹּדֶשׁ מְשִׁיבָה: — לֹא זֶה יוֹרֵשׁ וְלֹא זֶה יוֹרֵשׁ.

ד

„און ער האָט גענומען מיט זיך זײַנע צוויי יונגען"...

— ווער זײַנען זיי די צוויי יונגען? — דאָס זײַנען יִשְׁמָעֵאל און אֱלִיעֶזֶר. ער האָט געזאָגט: — ביז איך וועל אים מַקְרִיב זײַן זאָלן זיי היטן די כֵּלִים.

איז אַרויס אַ קריגערײַ צווישן יִשְׁמָעֵאלן און אֱלִיעֶזֶרן. יִשְׁמָעֵאל האָט געזאָגט: — איצט איז דער טאַטע מַקְרִיב זיין זון יִצְחָקן פאַר אַ קָרבן און איך בין זײַן זון דער בכוֹר, וועל איך אים יַרשֶענען.

האָט צו אים געזאָגט אֱלִיעֶזֶר: — דײַן טאַטע האָט דיך שוין אַרויסגעטריבן און אַוועקגעשיקט אין מידבָּר; אָבער איך בין זײַן קנעכט — דער דינער פון זײַן שטוב בײַטאָג און בײַנאַכט — און איך וועל זיין דער יוֹרֵש.

האָט דער רוּחַ הַקוֹדֶש (גאָטס גייסט) געענטפערט: — נישט דער און נישט יענער וועט זיין דער יוֹרֵש!

ה

קִדֵּם הַשָּׂטָן אֶת אַבְרָהָם בַּדֶּרֶךְ וְנִרְאָה לוֹ כִּדְמוּת זָקֵן. אָמַר לוֹ: – לְהֵיכָן אַתָּה הוֹלֵךְ?

אָמַר לוֹ אַבְרָהָם: – לְהִתְפַּלֵּל.

אָמַר לוֹ הַשָּׂטָן: – מִי שֶׁהוֹלֵךְ לְהִתְפַּלֵּל, לָמָּה אֵשׁ וּמַאֲכֶלֶת בְּיָדוֹ וְעֵצִים עַל כְּתֵפוֹ?

אָמַר לוֹ: – שֶׁמָּא נִשְׁהֶה יוֹם אוֹ יוֹמַיִם וְנִשְׁחַט, וְנֹאפֶה, וְנֹאכַל.

אָמַר לוֹ הַשָּׂטָן: – זָקֵן, לֹא שָׁם הָיִיתִי, כְּשֶׁאָמַר לְךָ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: „קַח נָא אֶת בִּנְךָ“... זָקֵן שֶׁכְּמוֹתְךָ יֵלֵד וִיאַבֵּד בֵּן שֶׁנִּתַּן לוֹ לְמֵאָה שָׁנָה!

אָמַר לוֹ אַבְרָהָם: – הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא צִוָּנִי!

הָלַךְ הַשָּׂטָן וְנִדְמָה לְבָחוּר וְעָמַד לִימִינוֹ שֶׁל יִצְחָק וְאָמַר לוֹ: – לְאָן אַתָּה הוֹלֵךְ?

אָמַר לוֹ יִצְחָק: – לִלְמוֹד תּוֹרָה!

אָמַר לוֹ הַשָּׂטָן: – בְּחַיֶּיךָ אוֹ לְאַחַר מִיתָתְךָ?

אָמַר יִצְחָק: — וְכִי יֵשׁ אָדָם שֶׁיִּלְמַד לְאַחַר הַמִּיתָה?

אָמַר הַשָּׂטָן: — אִי עָלוּב בְּנָהּ שֶׁל עֲלוּבָה! כַּמָּה תַּעֲנִיּוֹת נִתְעַנִּית אִמְּךָ עַד שֶׁנּוֹלַדְתָּ וְהַזָּקֵן הַזֶּה נִשְׁתַּטֶּה וְהוֹלֵךְ לְשָׁחָטְךָ.

אָמַר לוֹ יִצְחָק: — אַף־עַל־פִּי־כֵן לֹא אֶעֱבוֹר עַל דַּעַת יוֹצְרִי וְעַל צִוּוּי שֶׁל אַבָּא.

ה

איז דער שָׂטָן אַנטקעגנגעקומען אַבְרָהָמען אויפן וועג, האָט זיך באַוויזן פאַר אים אין דעם געשטאַלט פון אַן אַלטיטשקן און האָט צו אים געזאָגט: — וווּהין גייסטו?

האָט אַברהם צו אים געזאָגט: — מִתפַּלֵל זײַן.

האָט געזאָגט צו אים דער שָׂטָן: — אויב עמיצער גייט מִתפַּלֵל זײַן, צו וואָס דאַרף ער פֿײַער און אַ מעסער אין האַנט און האָלץ אויפן אַקסל?

האָט ער צו אים געזאָגט: — אֶפשר וועלן מיר זיך פאַרזאַמען אַ טאָג אָדער צוויי, וועלן מיר שעכטן, באַקן און עסן.

האָט געזאָגט צו אים דער שָׂטָן: — אַלטער דו, בין איך דען דאָרטן נישט געווען, ווען גאָט האָט דיר געזאָגט: — „נעם דײַן זון"... אַזאַ אַלטער ווי דו, זאָל גיין און אומברענגען אַ זון וואָס איז אים געגעבן געוואָרן צו הונדערט יאָר!

האָט אַבְרָהָם צו אים געזאָגט: — גאָט האָט מיר געהייסן!

איז געגאַנגען דער שָׂטָן, האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ בָּחור און האָט זיך געשטעלט אין דער רעכטער זייט פון יִצחָקן און האָט צו אים געזאָגט: — וווּהין גייסטו?

האָט אים יִצחָק געזאָגט: — לערנען תּוֹרה!

האָט דער שָׂטן צו אים געזאָגט: — בײַ דײַן לעבן אָדער נאָך דײַן טויט?

האָט יִצחָק געזאָגט: — איז דען פֿאַראַן אַ מענטש וואָס זאָל לערנען נאָכן טויט?

האָט דער שָׂטן געזאָגט: — ווײ אומגליקלעכער זון פֿון אַן אומגליקלעכער! וויפֿל תַּעֲנִיתים האָט דײַן מאַמע געפֿאַסט ביז דו ביסט געבוירן געוואָרן, און דער דאָזיקער אַלטיטשקער איז פֿון זינען אַראָפּ און גייט דיך שעכטן.

האָט יִצחָק צו אים געזאָגט: — פֿון דעסט וועגן וועל איך נישט עוֹבֵר זײַן דעם ווילן פֿון מײַן באַשעפֿער און דעם געבאָט פֿון מײַן טאַטן.

ז

כֵּיוָן שֶׁרָאָה הַשָּׂטָן שֶׁלֹּא קִבְּלוּ אֶת דְּבָרָיו, הָלַךְ וְנַעֲשָׂה לִפְנֵיהֶם נָהָר גָּדוֹל. מִיָּד יָרַד אַבְרָהָם לְתוֹךְ הַמַּיִם וְהִגִּיעַ עַד בִּרְכָּיו. אָמַר לִנְעָרָיו: — בּוֹאוּ אַחֲרַי! יָרְדוּ אַחֲרָיו.

כֵּיוָן שֶׁהִגִּיעַ עַד חֲצִי הַנָּהָר הִגִּיעוּ הַמַּיִם עַד צַוָּארוֹ. בְּאוֹתָהּ שָׁעָה תָּלָה אַבְרָהָם עֵינָיו לַשָּׁמַיִם וְאָמַר: — רִיבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! בְּחַרְתַּנִי וְנִגְלֵיתָ לִי וְאָמַרְתָּ לִי: „אֲנִי יָחִיד וְאַתָּה יָחִיד, עַל יָדְךָ יִוָּדַע שְׁמִי בְּעוֹלָמִי, וְהַעֲלֵה יִצְחָק בִּנְךָ לְפָנַי לְעוֹלָה“ — וְלֹא עִכַּבְתִּי וַהֲרֵינִי עוֹסֵק

בצויך, ועכשו „באו מים עד נפש״ — אם אני או יצחק בני טובע, מי יקים מאמריך ועל ידי מי יתיחד שמך?

אמר לו הקדוש־ברוך־הוא: — חייך, שעל ידך יתיחד שמי בעולם!

מיד גער הקדוש־ברוך־הוא בנהר ויבש ועמדו ביבשה.

מה עשה השטן? אמר לאברהם: כך שמעתי מאחורי הפרגוד: השה לעולה ואין יצחק לעולה.

אמר לו אברהם: — כך ענשו של בדאי, שאפילו אומר אמת אין שומעין לו.

ו

אז דער שטן האט דערזען, אז זיי האבן נישט אנגענומען זיינע רייד, איז ער אוועק און איז געווארן פאר זיי א גרויסער טייך. באלד איז אברהם אריין אין וואסער און עס האט דערגרייכט ביז זיינע קני. האט ער געזאגט צו זיינע יונגען: — קומט אריין נאך מיר! זיינען זיי אריין נאך אים.

אז ער איז געקומען ביז העלפט טייך, האט דאס וואסער דער־גרייכט ביז זיין האלדז. דאמאלס האט אברהם אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און ער האט געזאגט: — רבונו־של־עולם! דו האסט

מיך אויסדערוויילט און האָסט זיך באַוויזן צו מיר און געזאָגט: „איך בין אַן איין און איינציקער און דו ביסט אַן איין און איינציקער, דורך דיר וועט באַוווּסט ווערן מײַן נאָמען, ברענג דײַן זון יִצְחָקן אַ קָרְבָּן פאַר מיר" — און איך האָב זיך נישט אָפּגעהאַלטן און פאַר־נעם זיך מיט דײַן געבאָט, און איצט „איז דאָס וואַסער געקומען ביז דער זעל" — אויב איך אָדער יִצְחָק מײַן זון ווערט דערטרונקען, ווער וועט מקַיֵים זיין דײַנע פאַרזאָגן און דורך וועמען וועט גע־הייליקט ווערן דײַן נאָמען?

האָט גאָט צו אים געזאָגט: — בײַ דײַן לעבן, אַז דורך דיר וועט געהייליקט ווערן מײַן נאָמען!

באַלד האָט גאָט אָנגעשריען אויפן טײַך און ער איז אויס־געטריקנט געוואָרן און זיי זײַנען געבליבן שטיין אויף טריקעניש.

וואָס זשע האָט געטאָן דער שָׂטָן? האָט ער געזאָגט צו אַבְרָהָמען:

— אַזוי האָב איך געהערט פון הינטער דעם פאָרהאַנג (פון כִּסֵא הַכָּבוֹד): דער שעפּס פאַרן קָרבן און נישט יִצְחָק פאַר דעם קָרבן.

האָט אַברהם צו אים געזאָגט: — דאָס איז די שטראָף פון אַ ליגנער; ווען אַפילו ער זאָגט אֱמֶת, גלייבט מען אים נישט.

ז

„בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי וַיִּשָּׂא אַבְרָהָם אֶת עֵינָיו וַיַּרְא" —

— וְלָמָּה בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי וְלֹא בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן וְלֹא בַּיּוֹם הַשֵּׁנִי?

— כְּדֵי שֶׁלֹּא יִהְיוּ אוּמּוֹת־הָעוֹלָם אוֹמְרִים: — הֱמָמוֹ וְהָלַךְ וְשָׁחַט אֶת בְּנוֹ.

„וַיַּרְא אֶת הַמָּקוֹם מֵרָחוֹק" —

– וְהֵיאַךְ נִרְאָה מֵרָחוֹק? מְלַמֵּד, שֶׁמִּתְּחִילָּה הָיָה מָקוֹם עָמוֹק, כֵּיוָן שֶׁאָמַר הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא לְהַשְׁרוֹת שְׁכִינָתוֹ עָלָיו וְלַעֲשׂוֹתוֹ מִקְדָּשׁ, אָמַר: – אֵין דֶּרֶךְ מֶלֶךְ לִשְׁכּוֹן בְּעֵמֶק אֶלָּא בְּמָקוֹם גָּבוֹהַּ וּמְעוּלֶּה וּמְיוּפֶּה וְנִרְאֶה לַכּוֹל. מִיָּד רָמַז הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא אֶל הֶהָרִים סְבִיבוֹת הָעֵמֶק, שֶׁיִּתְקַבְּצוּ לְמָקוֹם אֶחָד לַעֲשׂוֹת מָקוֹם לַשְּׁכִינָה. אָמַר לוֹ אַבְרָהָם לְיִצְחָק: – רוֹאֶה אַתָּה מַה שֶּׁאֲנִי רוֹאֶה?

אָמַר לוֹ: – אֲנִי רוֹאֶה הַר נָאֶה וּמְשׁוּבָּח וְעָנָן קָשׁוּר עָלָיו.

אָמַר אַבְרָהָם לִנְעָרָיו: – רוֹאִים אַתֶּם כְּלוּם?

אָמְרוּ לוֹ: – אֵין אָנוּ רוֹאִים אֶלָּא מִדְבָּרִיּוֹת.

אָמַר לָהֶם: – עַם הַדּוֹמֶה לַחֲמוֹר! מַה הַחֲמוֹר רוֹאֶה וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ, כָּךְ אַתֶּם! – „שְׁבוּ לָכֶם עִם הַחֲמוֹר!“

ז

„אויפֿן דריטן טאָג האָט אַברהם אויפֿגעהויבן זײַנע אויגן און האָט דערזען" —

— פֿאַרוואָס אויף דעם דריטן טאָג און נישט אין דעם ערשטן אָדער אין צווייטן טאָג?

— כּדי די פֿעלקער פֿון דער וועלט זאָלן נישט זאָגן: — ער האָט אים צעטומלט, איז ער אַוועק און האָט געקוילעט זײַן זון.

„און ער האָט דערזען דאָס אָרט פֿון דער ווײַטנס" —

— ווי אַזוי האָט זיך עס געזען פֿון דער ווײַטנס? דאָס לערנט אונדז, אַז גאָר פֿריער איז עס געווען אַ נידעריק אָרט, אַז גאָט האָט אַ טראַכט געטאָן צו מאַכן דאָרט זײַן שכינה אויף אים און עס מאַכן הייליק, האָט ער געזאָגט: — עס איז נישט דער שטייגער פֿון אַ קיניג צו רוען אין אַ טאָל, נאָר אין אַ הויך אָרט, אַ דערהויבנס, אַ שיינס און אַן אָנזעעוודיקס פֿאַר אַלעמען. באַלד האָט גאָט אַ ווונק געגעבן צו די בערג אַרום דעם טאָל, אַז זיי זאָלן זיך צונויפֿזאַמלען אין איין אָרט צו מאַכן אַן אָרט פֿאַר דער שכינה. האָט געזאָגט אַבֿרהם צו יִצחקן: — זעסטו וואָס איך זע?

האָט ער צו אים געזאָגט: — איך זע אַ שיינעם און פּראַכטיקן באַרג און אַ וואָלקן הענגט אויף אים.

האָט אַברהם געזאָגט צו זײַנע יונגען: — זעט איר עפּעס?

האָבן זיי צו אים געזאָגט: — מיר זעען מער נישט ווי מידבריות.

האָט ער צו זיי געזאָגט: — פֿאָלק וואָס איז געגליכן צו אַן אייזל! פּונקט ווי דער אייזל זעט און ווייס נישט וואָס ער זעט, אַזוי זייט איר! „טאָ זיצט שוין דאָ מיטן אייזל!"

באַ מ ע ר ק ו נ ג: עִ ם הַ חֲ מ וֹ ר — באַטײַט: מיטן אייזל,

עַם־הַחֲמוֹר — אייזל־פֿאָלק.

דעריבער קען מען טײַטשן „שְׁ בוּ לָ כֶ ם

פֹּה עַ ם הַ חֲ מ וֹ ר" — זיצט שוין

דאָ אייזל־פֿאָלק.

ח

„וַיִּקַּח אַבְרָהָם אֶת עֲצֵי הָעֹלָה וַיָּשֶׂם עַל יִצְחָק בְּנוֹ“ —

— כָּזֶה שֶׁהוּא טָעוּן צְלוּבוֹ בִּכְתֵפוֹ.

„וַיֹּאמֶר: הִנֵּה הָאֵשׁ וְהָעֵצִים וְאַיֵּה הַשֶּׂה לְעֹלָה?“

בְּאוֹתָהּ שָׁעָה נָפַל פַּחַד וְיִרְאָה גְדוֹלָה עַל יִצְחָק, שֶׁלֹּא רָאָה בְּיָדוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִיו כְּלוּם לְקָרְבָּן וְהִרְגִּישׁ בַּדָּבָר וְאָמַר: — „אַיֵּה הַשֶּׂה לְעֹלָה?“

אָמַר לוֹ אַבְרָהָם: — הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא בָּחַר בְּךָ.

אָמַר יִצְחָק: — אִם בָּחַר בִּי, הֲרֵי נַפְשִׁי נְתוּנָה לוֹ, אֲבָל עַל אִמִּי צַר לִי. וְאַף־עַל־פִּי־כֵן — „וַיֵּלְכוּ שְׁנֵיהֶם יַחְדָּיו“: זֶה לַעֲקוֹד וְזֶה לְהֵעָקֵד, זֶה לִשְׁחוֹט וְזֶה לְהִשָּׁחֵט.

ה

„און אַבְרָהָם האָט גענומען דאָס האָלץ פאַרן קָרבּן, און אַרויפ־געטאָן אויף זײַן זון יִצְחָקן" —

— פונקט ווי איינער וואָס טראָגט זיין אייגענע תּלִיָה אויף זײַן אַקסל.

„און ער האָט געזאָגט: אָט איז דאָס פײַער און דאָס האָלץ און וווּ איז דאָס שעפּסעלע פאַר אַ קרבּן?

אין דער שָׁעה איז באַפאַלן יִצְחָקן אַ פַּחַד און אַ גרויסע שרעק, ווײַל ער האָט נישט געזען אין זײַן טאַטן אַבְרָהָמס האַנט גאָרנישט פאַר אַ קָרבּן, האָט ער דערפילט די זאַך (אַז אפשר דאַרף ער זײַן דער קָרבּן) און האָט געזאָגט: „וווּ איז דאָס שעפּסעלע פאַר אַ קָרבּן?"

האָט אַבְרָהָם צו אים געזאָגט: — גאָט האָט דיך אויסגעקליבן.

האָט געזאָגט יִצְחָק: — אויב גאָט האָט מיך אויסגעקליבן, גיב איך אָפּ מײַן נשָׁמָה צו אים, אָבער אויף מײַן מאַמען איז מיר אַ רַחמָנוֹת. און דאָך — „זײַנען זיי ביידע געגאַנגען צוזאַמען": דער צו בינדן און דער — געבונדן צו ווערן. דער צו שעכטן און דער — געשאָכטן צו ווערן.

ט

„וַיָּבוֹאוּ אֶל הַמָּקוֹם" – שְׁנֵיהֶם מְבִיאִים אֶת הָאֵשׁ, שְׁנֵיהֶם מְבִיאִים אֶת הָעֵצִים; אַבְרָהָם דּוֹמֶה כְּמִי שֶׁעָשָׂה חֲתֻנּוֹת לִבְנוֹ, וְיִצְחָק דּוֹמֶה כְּמִי שֶׁעָשָׂה חוּפָּה לְעַצְמוֹ. אָמַר לוֹ יִצְחָק: – אַבָּא, מַהֵר וַעֲשֵׂה רְצוֹן יוֹצֶרְךָ וְשָׂרְפֵנִי יָפֶה, וְאֵפֶר שֶׁלִּי הוֹלֵךְ לְאִמִּי וְתַנִּיחֵהוּ, וְכָל זְמַן

שֶׁתִּרְאֵהוּ אִמִּי תֹּאמַר: „זֶה בְּנִי שֶׁשְּׁחָטוֹ אָבִיו“... אַבָּא, מַה תַּעֲשׂוּ בִּזְקְנוּתְכֶם?

אָמַר לוֹ: – יוֹדְעִים אָנוּ שֶׁמִּיתָתֵנוּ קְרוֹבָה; מִי שֶׁנִּחֵם אוֹתָנוּ עַד עַכְשָׁו הוּא יְנַחֲמֵנוּ עַד יוֹם מוֹתֵנוּ.

כְּשֶׁבָּא לְהַקְרִיב אָמַר לוֹ יִצְחָק: – אַבָּא, אֱסֹרֵנִי בְּיָדַי וּבְרַגְלַי, שֶׁהַנֶּפֶשׁ חֲצוּפָה הִיא, וּכְשֶׁאֶרְאֶה הַמַּאֲכֶלֶת שֶׁמָּא אֶזְדַּעְזֵעַ וְיִפָּסֵל הַקָּרְבָּן; בְּבַקָּשָׁה מִמְּךָ, עֲקְדֵנִי, כְּדֵי שֶׁלֹּא יֵעָשֶׂה בִּי מוּם – מִיָּד „וַיַּעֲקֹד אֶת יִצְחָק בְּנוֹ“.

וְעוֹד אָמַר יִצְחָק לְאַבְרָהָם אָבִיו: – אַבָּא! לֹא תוֹדִיעַ אֶת אִמִּי כְּשֶׁהִיא עוֹמֶדֶת עַל הַבּוֹר אוֹ כְּשֶׁהִיא עוֹמֶדֶת עַל הַגַּג, שֶׁמָּא תַּפִּיל אֶת עַצְמָהּ וְתָמוּת.

ט

„און זיי זײַנען געקומען צו דעם אָרט" — ביידע ברענגען די שטיינער, ביידע ברענגען דאָס פײַער, ביידע ברענגען דאָס האָלץ; אַברהם זעט אויס ווי ער וואָלט געמאַכט אַ חתונה פֿאַר זײַן זון און יצחק זעט אויס ווי ער וואָלט זיך אַליין אַ חופּה געמאַכט. האָט געזאָגט צו אים יִצְחָק: — טאַטע, אײַל זיך צו און טו דעם ווילן פֿון דעם

באַשעפער און פאַרברען מיך גוט. און מײַן אַש זאָלסטו ברענגען צו מײַן מאַמען און איר לאָזן (בײַ איר). און אין יעדער צײַט ווען זי װעט אים זען, װעט זי צו זיך זאָגן: „דאָס איז מײַן זון װאָס זײַן באַשעפער האָט אים געקוילעט"... טאַטע, װאָס װעט איר טאָן אויף דער עלטער?

האָט ער צו אים געזאָגט: — מיר װייסן, אַז אונדזער טויט איז נאָענט; װער עס האָט אונדז געטרייסט ביז איצט, װעט אונדז טרייסטן ביז דעם טאָג פון אונדזער טויט.

אַז ער האָט אָנגעהויבן אים מַקריב זײַן, האָט געזאָגט צו אים יצחק: — טאַטע, בינד מיר די הענט און די פיס, װײַל די נשמה איז אַ פאַרשײַטע, און אַז איך װעל דערזען דאָס מעסער, װעל איך זיך אפשר אַ טרייסל טאָן און דער קרבן װעט פּסול װערן; איך בעט דיך, בינד מיך שטאַרק, עס זאָל נישט װערן אין מיר אַ מום — באַלד „האָט ער געבונדן יצחקן זײַן זון".

און װידער האָט יצחק געזאָגט צו אַברהמען זײַן טאַטער: — טאַטע, זאָלסט נישט מודיע זײַן דער מאַמען װען זי שטייט בײַ אַ גריב אָדער װען זי שטייט אויף דעם דאַך, טאָמער װעט זי זיך אַראָפּװאַרפן און זי װעט שטאַרבן.

ו

„וַיָּשֶׂם אוֹתוֹ עַל הַמִּזְבֵּחַ" –

עֵינֵי אַבְרָהָם מַבִּיטוֹת בְּעֵינֵי יִצְחָק וְעֵינֵי יִצְחָק – בִּשְׁמֵי שָׁמַיִם. וְהָיוּ דְמָעוֹת נוֹשְׁרוֹת מֵעֵינֵי אַבְרָהָם עַד שֶׁהָיְתָה קוֹמָתוֹ מְשׁוֹטֶטֶת בְּדִמְעוֹת. נָטַל אֶת הַסַּכִּין כְּדֵי לְשָׁחֲטוֹ עַד שֶׁיֵּצֵא מִמֶּנּוּ רְבִיעִית דָּמוֹ, בָּא הַשָּׂטָן וְדָחַף יָדוֹ

של אברהם ונפלה הסכין מידו. וכיון ששלח
ליטלה – פער פיו בבכיה ונעה נעיה גדולה.
והיו עיניו מרופפות וצופות לשכינה והרים
קולו ואמר: – „אשא עיני אל ההרים, מאין
יבוא עזרי?“

באותה שעה נגלה הקדוש-ברוך-הוא על
המלאכים ופתח את הרקיע ויצחק נשא עיניו
וראה את חדרי המרכבה וחרד ונזדעזע.

עמדו מלאכי השרת שורות-שורות
ברקיע ואומרים זה לזה: – ראו, יחיד שוחט
ויחיד נשחט! רבונו-של-עולם! שבועת „כה
יהיה זרעך“ – מה תהא עליה?

מיד יצאה בת-קול ואמרה: – „אל תשלח
ידך אל הנער!“

„און ער האט אים אַרויפגעלייגט אויף דעם מזבח“ —
אַברהמס אויגן קוקן אין יצחקס אויגן און יצחקס אויגן — אין
די הימלען. און אַברהמס אויגן גיסן מיט טרערן ביז זיין גאַנצע גריים
איז באַגאָסן געוואָרן מיט זיי. האָט ער גענומען דאָס מעסער פרי

אים צו קוילענען און אַרויסלאָזן אַ קווערטל בלוט, איז געקומען דער שׂטן און האָט אַ שטויס געטאָן אַבֿרהמס האַנט און דאָס מעסער איז אַרויסגעפֿאַלן פֿון זײַן האַנט. און ווען ער האָט אויסגעשטרעקט (די האַנט) עס צו נעמען — האָט ער זיך צעוויינט און צעיאָמערט אין אַ גרויסן יאָמער. און זײַנע אויגן האָבן געשווימען און געקוקט צו דער שכינה און ער האָט אויפֿגעהויבן זײַן שטים און האָט געזאָגט: „איך הייב אויף מײַנע אויגן צו די בערג, פֿון וואַנען וועט קומען מײַן הילף?"

דאַמאָלס האָט זיך גאָט באַוויזן מיט די מלאָכים, ער האָט געעפֿנט דעם הימל און יצחק האָט אויפֿגעהויבן זײַנע אויגן און האָט דערזען די ווינקלען פֿון גאָטס רײַטוואָגן און האָט זיך דערשראָקן און אויפֿגעציטערט.

האָבן זיך די מלאכי השרת אויסגעשטעלט שורות־שורות און האָבן געזאָגט איינער צום צווייטן: — זעט, אַן איין און איינציקער שעכט און אַן איין און איינציקער ווערט געשאָכטן! ריבונו־של־עולם! און די שבֿועה (וואָס דו האָסט געשוואָרן צו אַבֿרהמען) „אַזוי (ווי שטערן פֿון הימל) וועלן זײַן דײַנע קינדער"?

באַלד איז אַרויס אַ בת־קול און האָט געזאָגט: — „זאָלסט נישט אויסשטרעקן דײַן האַנט צו דעם יינגל!"

יא

אָמַר אַבְרָהָם: – מִי אָתָּה?

אָמַר לוֹ: – מַלְאָךְ אָנִי.

אָמַר לוֹ אַבְרָהָם: – כְּשֶׁאָמַר לִי הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא לְהַקְרִיב אֶת בְּנִי, הוּא בְּעַצְמוֹ אָמַר לִי, וְאַף עַכְשָׁו אֲנִי מְבַקֵּשׁ שֶׁיֹּאמַר לִי בְּעַצְמוֹ.

מִיָּד פָּתַח הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא אֶת הָרָקִיעַ וְאֶת הָעֲרָפֶל וְאָמַר לוֹ: — „בִּי נִשְׁבַּעְתִּי“..

אָמַר לוֹ אַבְרָהָם: — אַתָּה נִשְׁבַּעְתָּ וְאַף אֲנִי נִשְׁבַּעְתִּי שֶׁאֵינִי יוֹרֵד מִן הַמִּזְבֵּחַ הַזֶּה עַד שֶׁאֹמַר כָּל מַה שֶּׁאֲנִי מְבַקֵּשׁ.

אָמַר לוֹ: — אֱמוֹר כָּל מַה שֶּׁאַתָּה מְבַקֵּשׁ!

יא

האָט געזאָגט אַבֿרהם: ווער ביסטו?

האָט ער צו אים געזאָגט: אַ מלאך בין איך!

האָט געזאָגט צו אים אַבֿרהם: — אַז גאָט האָט מיר געהייסן מקריב זײַן מײַן זון, האָט ער אַליין צו מיר גערעדט וויל איך אויך איצט, אַז ער זאָל צו מיר אַליין רעדן.

באַלד האָט גאָט געעפֿנט דעם הימל און דעם נעפּל און האָט צו אים געזאָגט: „איך שווער דיר בײַ זיך“...

האָט געזאָגט צו אים אַבֿרהם: דו האָסט געשוואָרן און אויך איך האָב געשוואָרן, אַז איך גיי נישט אַראָפּ פֿון דעם דאָזיקן מִזְבֵּחַ ביז איך וועל דיר זאָגן וואָס איך וויל.

האָט ער צו אים געזאָגט: — זאָג וואָס דו ווילסט!

יב

אָמַר לוֹ אַבְרָהָם: — לֹא אָמַרְתָּ לִי: „וּסְפוֹר הַכּוֹכָבִים... כֹּה יִהְיֶה זַרְעֶךָ?“

אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: — הֵן.

אָמַר לוֹ: — מִמִּי?

אָמַר לוֹ: מִיִּצְחָק.

אָמַר לוֹ: — לֹא אָמַרְתָּ לִי: „וְשַׂמְתִּי אֶת זַרְעֲךָ כַּעֲפַר הָאָרֶץ?“

אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: — הֵן.

אָמַר לוֹ: — מִמִּי?

אָמַר לוֹ: — מִיִּצְחָק.

אָמַר לוֹ אַבְרָהָם: — כְּשֵׁם שֶׁהָיָה לִי לַהֲשִׁיבְךָ וְלוֹמַר לְךָ: אֶתְמוֹל אָמַרְתָּ לִי „הַעֲלֵהוּ שָׁם לְעוֹלָה“ — וְכָבַשְׁתִּי אֶת יִצְרִי וְלֹא הֲשִׁבוֹתִיךָ. כָּךְ, כְּשֶׁיִּהְיוּ בָּנָיו שֶׁל יִצְחָק חוֹטְאִים וְנִכְנָסִים לְצָרָה, תְּהֵא נִזְכָּר לָהֶם עֲקֵדָתוֹ שֶׁל יִצְחָק וִיהֵא חָשׁוּב לְפָנֶיךָ כְּאִלּוּ עֲפָרוֹ צָבוּר עַל גַּבֵּי הַמִּזְבֵּחַ וְתִסְלַח לָהֶם וְתִפְדֵּם מִצָּרָתָם.

יב

האָט געזאָגט צו אים אַבְרָהָם: — האָסטו דען מיר נישט געזאָגט: „ציל איבער די שטערן... אַזוי וועלן זיין דיינע קינדער?“

האָט גאָט צו אים געזאָגט: — יאָ.

האָט ער צו אים געזאָגט — פון וועמען?

האָט ער אים געזאָגט — פון יצחקן!

האָט ער צו אים געזאָגט: — האָסטו דען מיר נישט געזאָגט: „איך וועל מאַכן דיינע קינדער ווי דעם שטויב פון דער ערד?“

האָט גאָט צו אים געזאָגט: — יאָ.

האָט ער צו אים געזאָגט: — פון וועמען?

האָט גאָט אים געענטפערט: — פון יצחקן.

האָט געזאָגט צו אים אַברהם: — אַזוי ווי איך האָב דיר גע־דאַרפט ענטפערן און זאָגן: נעכטן האָסטו מיר געזאָגט, אַז אויף יצחקן וועט גערופן ווערן דיין נאָמען", איצט זאָגסטו מיר: „ברענג אים פאַר אַ קרבן" — און איך האָב זיך באַהערשט און האָב דיר נישט געענטפערט. אַזוי, ווען יצחקס קינדער וועלן זינדיקן און זיי וועלן אַריין אין אַ צרה, זאָלסטו זיך דערמאַנען יצחקס עקדה און עס זאָל זיין פאַררעכנט פאַר דיר פונקט ווי זיין אַש איז צונויפ־געזאַמלט אויפן מזבח און זאָלסט זיי מוחל זיין און אויסלייזן פון זייער צרה.

יג

אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: — אַתָּה אָמַרְתָּ אֶת שֶׁלְּךָ וַאֲנִי אוֹמֵר אֶת שֶׁלִּי: עֲתִידִים בָּנָיו שֶׁל יִצְחָק לַחֲטוֹא לְפָנַי וַאֲנִי דָן אוֹתָם בְּרֹאשׁ־הַשָּׁנָה, אֶלָּא אִם מְבַקְשִׁים שֶׁאֲחַפֵּשׂ לָהֶם זְכוּת וְאֶזְכּוֹר לָהֶם עֲקֵדַת יִצְחָק — יִהְיוּ תּוֹקְעִים לְפָנַי בְּשׁוֹפָר שֶׁל זֶה.

אָמַר לוֹ אַבְרָהָם: — מַהוּ הַשּׁוֹפָר?

אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא: — חֲזוֹר לַאֲחוֹרֶיךָ...

מִיָּד „וַיִּשָּׂא אַבְרָהָם אֶת עֵינָיו וַיַּרְא וְהִנֵּה אַיִל".

יג

האָט געזאָגט צו אים גאָט: — דו האָסט געזאָגט דײַנס און איך וועל זאָגן מײַנס: געווים וועלן זינדיקן יִצְחָקס קינדער פאַר מיר און איך וועל זיי מִשְׁפָּטן אין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נאָר אויב זיי וועלן מיך בעטן, אַז איך זאָל פאַר זיי זוכן אַ זכות און זיך דערמאָנען אין יִצְחָקס עֲקֵדָה — זאָלן זיי בלאָזן פאַר מיר אין דעם דאָזיקן שוֹפָר.

האָט געזאָגט צו אים אַבְרָהָם: — וואָס פאַר אַ שוֹפָר איז דאָס?

האָט גאָט געזאָגט: — דריי זיך אוים הינטער זיך...

באַלד „האָט אַבְרָהָם אויפגעהויבן זײַנע אויגן און ער האָט דערזען אַ ווידער".

יד

כָּל אוֹתוֹ הַיּוֹם הָיָה אַבְרָהָם רוֹאֶה אֶת הָאַיִל, נֶאֱחָז בְּאִילָן זֶה וְנִתָּר וְיוֹצֵא, נֶאֱחָז בְּחֹרֶשׁ זֶה וְנִתָּר וְיוֹצֵא, נֶאֱחָז בִּסְבָךְ זֶה וְנִתָּר וְיוֹצֵא.

אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: — אַבְרָהָם, כָּךְ עֲתִידִים בָּנֶיךָ; נֶאֱחָזִים בַּעֲווֹנוֹת וּמִסְתַּבְּכִים בְּמַלְכֻיּוֹת: מִבָּבֶל לְמָדַי, מִמָּדַי לְיָוָן וּמִיָּוָן לֶאֱדוֹם.

אָמַר אַבְרָהָם לְפָנָיו: — רִבּוֹן הָעוֹלָמִים! יִהְיֶה כֵּן לְעוֹלָם?

אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: — וְסוֹפָם לְהִגָּאֵל בְּקַרְנָיו שֶׁל אַיִל זֶה:

„וַאדוֹנָי אֱלוֹהִים בְּשׁוֹפָר יִתְקַע וְהָלַךְ בְּסַעֲרוֹת תֵּימָן“...

יד

דעם גאַנצן טאָג יענעם האָט אַברהם געזען דעם ווידער; פאַר־טשעפּעט זיך אין אַ בוים פלאָנטערט זיך, אויף און באַפרײַט זיך, פאַרבלאָנדזשעט אין אַ וועלדל, קריכט אַרויס פון דאָרטן און באַ־פרײַט זיך, פאַרטשעפּעט זיך אין אַ געפלעכט פון צווײַגן, פלאָנטערט זיך אויס און באַפרייט זיך.

האָט גאָט צו אים געזאָגט: — אַבְרָהָם, אַזוי וועט געשען מיט דײַנע קינדער. זיי וועלן זיך אַרײַנדרייען און זיך אין פאַרפלאָנטערן צווישן קיניגרייכן: פון בָּבֶל קיין מָדַי, פון מָדַי קיין יָוָן און פון יָוָן קיין אֱדוֹם.

האָט אַבְרָהָם צו אים געזאָגט: — האַר פון די וועלטן! וועט דאָס אַזוי זײַן אייביק?

האָט גאָט צו אים געזאָגט: — און זייער סוף וועט זיין אויס־געלייזט צו ווערן דורך די הערנער פון דעם דאָזיקן ווידער:

„און גאָט דער האַר וועט בלאָזן אין שופר,
און וועט קומען מיט שטורעמס פון דָרום“...

ג ע נ י ט ו נ ג 125. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע זאַצן און זעץ זיי איבער אין העברעיִש.

א. גאָט האָט אויסגעפּרוווט אַבְרָהָמען.

ב. דו האָסט באַשאַנקען דעם אַלטן מיט אַ קינד. צו הונדערט יאָר.

ג. אַברהם האָט נישט מַקְרִיב געווען פאַר גאָט קיין טויב.

ד. שעכט דײַן זון פאַר מיר.

גענִיטונג 126. שרײַב צו דאָס פּאַסיקע וואָרט פֿון דער צווייטער שורה צו יעדן וואָרט פֿון דער ערשטער.

נִסָּה, חֲנֻכָּתוֹ, הִקְרִיב, זֶבַח.
קָרְבָּן, מִזְבֵּחַ, נִסָּיוֹן, חַג.

גענִיטונג 127. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע זאַצן און דערקלער זיי אין ייִדיש.

א. לְאַבְרָהָם הָיוּ שְׁנֵי בָּנִים: יִשְׁמָעֵאל וְיִצְחָק.
ב. יִצְחָק הָיָה בֵּן יָחִיד לְאִמּוֹ וְיִשְׁמָעֵאל הָיָה בֵּן יָחִיד לְאִמּוֹ.
ג. אַבְרָהָם אָהַב אֶת שְׁנֵי בָּנָיו.
ד. אֱלֹהִים אָמַר לְאַבְרָהָם, שֶׁיַּקְרִיב אֶת בְּנוֹ לְפָנָיו.
ה. אֱלֹהִים נִסָּה אֶת אַבְרָהָם.
ו. הַאִם יֵשׁ גְּבוּל בְּמֵעַיִם?
ז. אָדָם שֶׁנִּטְרְפָה דַעְתּוֹ אוֹמְרִים עָלָיו שֶׁהוּא מְשֻׁגָּע.

גענִיטונג 128. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע ווערטער און פּאַס צו דעם ריכטיקן סינאָנים פֿון דעם צווייטן זײַלכל.

הִרְהֵר	מַחְשָׁבָה
תַּקְנִי	הִקְרִיב
וְתִקְוָה	סְעוּדָה
בְּתוֹךְ	נָתַתָּ לוֹ
גּוֹזָל	בְּאֶמְצַע
מַמְתִּין	יוֹנָה
חֲנֻכָּתוֹ	וְהֵבִינָה
מִשְׁתֶּה	הֲכִינִי
זֶבַח	חָשַׁב

געניטונג 129. שרייב איבער די ווייטערדיקע זאצן און דערקלער זיי אין יידיש.

א. אַבְרָהָם הִרְהֵר בְּלִבּוֹ מַה לַּעֲשׂוֹת.

ב. נָשִׁים דַּעְתָּן קַלָּה.

ג. כֵּיוָן שֶׁלֹּא תִּרְאֶה אוֹתוֹ תְּחַנֵּק אֶת עַצְמָהּ.

ד. סְקִילָה, שְׂרֵפָה, הֶרֶג וְחֶנֶק.

ה. תַּקְנִי לָנוּ מַאֲכָל וּמִשְׁתֶּה וְנִשְׂמַח הַיּוֹם.

ו. כְּשֶׁהָיָה אַבְרָהָם בֶּן שָׁלוֹשׁ שָׁנִים הִכִּיר אֶת הַבּוֹרֵא.

ז. יִצְחָק גָּדֵל וְלֹא נֶחֱנַק.

ח. יֵשׁ מָקוֹם שֶׁשָּׁם מְחַנְּכִין הַתִּינוֹקוֹת.

געניטונג 130. שרייב איבער די ווייטערדיקע בייגונגען אין זְמַן עָתִיד (קומענדיקע צייט).

יָחִיד	יְחִידָה
אֶ — שְׂמַח	אֶ — שְׂמַח
תִּ — שְׂמַח	תִּ — שְׂמְחִ — י
יִ — שְׂמַח	תִּ — שְׂמַח
רַבִּים	
נִ — שְׂמַח	נִ — שְׂמַח
תִּ — שְׂמְח — וּ	תִּ — שְׂמַחְ — נָה
יִ — שְׂמְח — וּ	תִּ — שְׂמַחְ — נָה

אין זְמַן עָתִיד (קומענדיקע צייט) גיט מען צו פאַר דעם שטאַם פון ווערב איינעם פון די אותיות אֵיתָן. נאָכן שטאַם פון ווערב איינעם אָדער צוויי פון די אותיות יוֹנָה. למשל אֶ - שְׂמַח, תִּ — שְׂמַח, יִ — שְׂמַח, (אֵיתָן). תִּשְׂמְחִ - י, תִּשְׂמְח - וּ, תִּשְׂמַחְ - נָה (יוֹנָה).

ג ע נ י ט ו נ ג 131. בייג די ווײַטערדיקע ווערבן אין זְמַן עָתִיד לויטן מוסטער פון שָׂמַח.

שָׁלַח — אֶשְׁלַח... קָרַב — אֶקְרַב... פָּתַח — אֶפְתַּח...
לָבַשׁ — אֶלְבַּשׁ...

ג ע נ י ט ו נ ג 132. שרײַב איבער די ווייטערדיקע זאַצן און דערקלער זיי אין יידיש.

א. עַד שֶׁאַקְרִיבֶנּוּ יִשְׁמְרוּ הֵם אֶת הַכֵּלִים.
ב. עַכְשָׁו מַקְרִיב אַבְרָהָם אֶת יִצְחָק בְּנוֹ.
ג. נִכְנְסָה תַּחֲרוּת בֵּין יִשְׁמָעֵאל וֶאֱלִיעֶזֶר.
ד. כְּבָר גֵּרְשָׁהּ וְשִׁלְּחָהּ לַמִּדְבָּר.
ה. רוּחַ הַקֹּדֶשׁ מְשִׁיבָה: לֹא זֶה יוֹרֵשׁ וְלֹא זֶה יוֹרֵשׁ.

ג ע נ י ט ו נ ג 133. צעטייל די ווײַטערדיקע ווערטער אויף צוויי ווערטער לויטן מוסטער.

אֶגְנְבֶנּוּ — אֶגְנֹב אוֹתוֹ	גֵּרְשָׁהּ — גֵּרֵשׁ אוֹתָהּ
אוֹלִיכֶנּוּ —	שִׁלְּחָהּ —
אַקְרִיבֶנּוּ —	הִקְרִיבָהּ —

ג ע נ י ט ו נ ג 134. שרײַב צו דעם פּאַסיקן סינאָנים פון דער צווייטער גרופּע צו די ווערטער פון דער ערשטער גרופּע.

א. תַּחֲרוּת, מְשִׁיבָה, קָדְמוּ, לְהִיכָן, מַאֲכֶלֶת, וַיִּאָבֵד, נִשְׁתַּטְּחָה, תַּעֲנִית.

ב. צוֹם, נִטְרְפָה דַּעְתּוֹ, בָּכְתָה, לְאָן, וְיֵהָרֵג, פָּגְשׁוּ, עוֹנָה, מְרִיבָה.

געניטונג 135. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע בייגונגען פֿון ווערב אין זְמַן עָתִיד (קומעדיקע צייט).

יָחִיד	יְחִידָה	יָחִיד	יְחִידָה
אֶכְתּוֹב	אֶכְתּוֹב	אֶפְתַּח	אֶפְתַּח
תִּכְתּוֹב	תִּכְתְּבִי	תִּפְתַּח	תִּפְתְּחִי
יִכְתּוֹב	תִּכְתּוֹב	יִפְתַּח	תִּפְתַּח

רַבִּים	רַבּוֹת	רַבִּים	רַבּוֹת
נִכְתּוֹב	נִכְתּוֹב	נִפְתַּח	נִפְתַּח
תִּכְתְּבוּ	תִּכְתּוֹבְנָה	תִּפְתְּחוּ	תִּפְתַּחְנָה
יִכְתְּבוּ	תִּכְתּוֹבְנָה	יִפְתְּחוּ	תִּפְתַּחְנָה

אין זְמַן עָתִיד ווערט דער צווייטער אָות פֿון שטאַם פֿון ווערב געפּינטלט מיט אַ פַּתַּח, ווי אֶפְתַּח, תִּפְתַּח..
אַדער מיט אַ חוֹלָם ווי אֶכְתּוֹב תִּכְתּוֹב . .

געניטונג 136. בייג די ווײַטערדיקע ווערבן (פְּעָלִים) אין דער קומעדיקער צײַט.

שָׁמֹר – אֶשְׁמוֹר ... שָׁלַח – אֶשְׁלַח ... קָבֹר – אֶקְבּוֹר ...

שָׂמַח – אֶשְׂמַח ... שָׁבֹר – אֶשְׁבּוֹר ... שָׁמַע – אֶשְׁמַע ...

געניטונג 137. באַמערק און פֿאַרשרײַב אין דײַן העפט בײַ וואָסערע פֿערזאָנען זיינען די ענדונגען גלײַך צווישן זיך.

געניטונג 138. שרײַב איבער די װײַטערדיקע זאַצן און דערקלער זײ אין ייִדיש.

א. הַשָּׂטָן קִדֵּם אֶת אַבְרָהָם בַּדֶּרֶךְ וְנִרְאָה לוֹ בִּדְמוּת זָקֵן.
ב. מִי שֶׁהוֹלֵךְ לְהִתְפַּלֵּל, לָמָּה לוֹ אֵשׁ וּמַאֲכֶלֶת וְעֵצִים?
ג. שֶׁמָּא נִשְׁהֶה יוֹם אוֹ יוֹמַיִם וְנִשְׁחַט, וְנֹאפֶה וְנֹאכַל.
ד. אַתָּה תִּלְמַד תּוֹרָה בְּחַיֶּיךָ אוֹ לְאַחַר מִיתָתֶךָ?
ה. הַזָּקֵן הַזֶּה נִשְׁתַּטָּה וְהוֹלֵךְ לְשָׁחָטְךָ.
ו. לֹא אֶעֱבוֹר עַל דַּעַת יוֹצְרִי וְעַל צִוּוּי שֶׁל אַבָּא.

געניטונג 139. שרײַב איבער די װײַטערדיקע בײגונגען פֿון װערב אין עָבָר, הוֹוֶה און עָתִיד.

עָבָר	הוֹוֶה	עָתִיד
שָׁחַטְתִּי	אֲנִי שׁוֹחֵט	אֶשְׁחַט
שָׁחַטְתָּ	אַתָּה שׁוֹחֵט	תִּשְׁחַט
שָׁחַט	הוּא שׁוֹחֵט	יִשְׁחַט
שָׁחַטְתִּי	אֲנִי שׁוֹחֶטֶת	אֶשְׁחַט
שָׁחַטְתְּ	אַתְּ שׁוֹחֶטֶת	תִּשְׁחֲטִי
שָׁחֲטָה	הִיא שׁוֹחֶטֶת	תִּשְׁחַט
שָׁחַטְנוּ	אֲנַחְנוּ שׁוֹחֲטִים	נִשְׁחַט
שְׁחַטְתֶּם	אַתֶּם שׁוֹחֲטִים	תִּשְׁחֲטוּ
שָׁחֲטוּ	הֵם שׁוֹחֲטִים	יִשְׁחֲטוּ
שָׁחַטְנוּ	אֲנַחְנוּ שׁוֹחֲטוֹת	נִשְׁחַט
שְׁחַטְתֶּן	אַתֶּן שׁוֹחֲטוֹת	תִּשְׁחַטְנָה
שָׁחֲטוּ	הֵן שׁוֹחֲטוֹת	תִּשְׁחַטְנָה

גענִיטונג 140. בייג די ווײַטערדיקע פְּעָלים (ווערבן) אין עָבָר, הֹוֶה און עָתִיד.

שָׁמַע, גָּנַב, חָנַךְ, טָבַע

גענִיטונג 141. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע זאַצן און דער־קלער זיי אין יידיש.

א. הַשֹּׁטֶה נַעֲשָׂה לִפְנֵי אַבְרָהָם וְיִצְחָק לְנָהָר גָּדוֹל.
ב. הַמַּיִם הִגִּיעוּ עַד בִּרְכֵּי אַבְרָהָם.
ג. כְּשֶׁהִגִּיעוּ הַמַּיִם עַד צַוָּארוֹ תָּלָה אַבְרָהָם עֵינָיו לַשָּׁמַיִם.
ד. בָּאוּ מַיִם עַד נֶפֶשׁ.
ה. מִי יָקוּם מֵאֲמָרֶיהָ וְעַל יְדֵי מִי יִתְיַחֵד שִׁמְךָ?
ו. שָׁמַעְתִּי מֵאֲחוֹרֵי הַפַּרְגּוֹד: הַשֶּׂה לְעוֹלָה וְאֵין יִצְחָק לְעוֹלָה.
ז. כָּךְ עָנְשׁוֹ שֶׁל בַּדַּאי, שֶׁאֲפִילּוּ אוֹמֵר אֱמֶת אֵין שׁוֹמְעִין לוֹ.

גענִיטונג 142. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע פראַגעס און ענטפער אויף זיי.

א. מַדּוּעַ רָאָה אַבְרָהָם אֶת הַמָּקוֹם לַמִּזְבֵּחַ בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי וְלֹא בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן?
ב. מַה רָאָה אַבְרָהָם מֵרָחוֹק?
ג. מַה הָיָה מִתְחִלָּה בְּאוֹתוֹ מָקוֹם?
ד. הַאִם רָאוּ יִשְׁמָעֵאל וֶאֱלִיעֶזֶר מַה שֶּׁרָאוּ אַבְרָהָם וְיִצְחָק.
ה. מַה אָמַר לָהֶם אַבְרָהָם?

געניטונג 143. שרייב איבער דאָס ווייטערדיקע און באַמערק די ענדערונג אין דעם באַטייט פון די זעלביקע ווערטער וואָס האָבן אָנהייב וואָרט אַ וָאו.

יֹאמַר — ער וועט זאָגן —— וַיֹּאמֶר — און ער האָט געזאָגט.

יִקַּח — ער וועט נעמען —— וַיִּקַּח — און ער האָט גענומען.

יִגְדַּל — ער וועט גרויס ווערן —— וַיִּגְדַּל — און עס איז גרויס געוואָרן.

יַשְׁכֵּם — ער וועט אויפשטיין פרי —— וַיַּשְׁכֵּם — און ער איז אויפגעשטאַנען פרי.

> דער ו האָט איבערגעאַנדערשט פון זמן עתיד אויף זמן עָבָר. דעריבער ווערט ער אָנגערופן ו׳ הַהֶפֶךְ.

געניטונג 144. שרייב איבער דאָס ווייטערדיקע און באַמערק די ענדערונג אין דעם באַטייט פון די זעלביקע ווערטער וואָס האָבן אָנהייב וואָרט אַ וָו.

אָמַרְתָּ — דו האָסט געזאָגט —— וְאָמַרְתָּ — און דו וועסט זאָגן.

הָלַכְתָּ — דו ביסט געגאַנגען —— וְהָלַכְתָּ — און דו וועסט גיין.

אָכַלְתִּי — איך האָב געגעסן —— וְאָכַלְתִּי — און איך וועל עסן.

שָׁמַר — ער האָט אָפּגעהיט —— וְשָׁמַר — און ער וועט אָפּהיטן.

> דער ו האָט איבערגעאַנדערש פון זְמַן עָבָר אויף זְמַן עָתִיד. דעריבער ווערט ער אָנגערופן ו׳ הַהֶפֶךְ

געניטונג 145. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע זאַצן און דערקלער זיי אין ייִדיש.

א. בָּזֶה שֶׁהוּא טָעַן צְלוּבוֹ בִּכְתֵפוֹ.

ב. יִצְחָק לֹא רָאָה כְּלוּם בִּידֵי אָבִיו וּפָחַד מְאוֹד.

ג. כְּשֶׁהִרְגִּישׁ בַּדָּבָר אָמַר לְאָבִיו: „אַיֵּה הַשֶּׂה לְעוֹלָה?"

ד. אַבְרָהָם הָלַךְ לַעֲקוֹד אֶת יִצְחָק בְּנוֹ וְיִצְחָק הָלַךְ לְהֵעָקֵד.

ה. אַבְרָהָם הָלַךְ לִשְׁחוֹט וְיִצְחָק הָלַךְ לְהִשָּׁחֵט.

געניטונג 146. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע זאַצן און זעץ זיי איבער אין העברעיִש.

א. אַבְרָהָם און יִצְחָק האָבן געבראַכט די שטיינער, דאָס פֿײַער און דאָס האָלץ.

ב. יִצְחָק זעט אויס ווי ער וואָלט געמאַכט אַ חוּפָּה פֿאַר זיך.

ג. ווער עס האָט אונדז געטרייסט ביז איצט, וועט אונדז טרייסטן ביז דעם טאָג פֿון אונדזער טויט.

ד. טאַטע, בינד מיך, כּדי עס זאָל נישט ווערן אין מיר קיין מום.

ה. טאָמער וועט זי זיך אַראָפּוואַרפֿן און זיך טייטן.

ו. ווען איך וועל זען דאָס מעסער וועל איך זיך אֶפֿשר אַ טרייסל טאָן און דער קָרבּן וועט פָּסול ווערן.

צעניטונג 147. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע בייגונגען פון ווערב אין זמן עָתיד.

יָחִיד	יְחִידָה
אֶרְאֶה	אֶרְאֶה
תִּרְאֶה	תִּרְאִי
יִרְאֶה	תִּרְאֶה
רַבִּים	**רַבּוֹת**
נִרְאֶה	נִרְאוּ
תִּרְאוּ	תִּרְאֶינָה
יִרְאוּ	תִּרְאֶינָה

צעניטונג 148. בייג די ווײַטערדיקע ווערבן לויט מוסטער פון רָאֹה.

קָנֹה – אֶקְנֶה, הָיֹה – אֶהְיֶה, עָנֹה – אֶעֱנֶה, בָּנֹה – אֶבְנֶה.

צעניטונג 149. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע זאַצן און דערקלער זיי אין יידיש.

א. עֵינֵי אַבְרָהָם מַבִּיטוֹת בְּעֵינֵי יִצְחָק וְעֵינֵי יִצְחָק מַבִּיטוֹת בַּשָּׁמַיִם.

ב. דְּמָעוֹת נוֹשְׁרוֹת מֵעֵינֵי אַבְרָהָם.

ג. הוּא פָּעַר פִּיו בִּבְכִיָּה וְגָעָה גְּעִיָּה גְּדוֹלָה.

ד. אֶשָּׂא עֵינַי אֶל הֶהָרִים, מֵאַיִן יָבוֹא עֶזְרִי?

ה. יָחִיד שׁוֹחֵט וְיָחִיד נִשְׁחָט.

גענימונג 150. שרײַב צו דעם פּאַסיקן סינאָנים פֿון דער צווייטער גרופּע צו די ווערטער פֿון דער ערשטער גרופּע.

א. נושרות, נטל, סכין, לטלה, פער, וגעה, מרופפות, צופפות, חרד.

ב. מביטות, מרחפות, וצעק, פתח, לקחתה, מאכלת, לקח, זולגות, פחד.

גענימונג 151. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע זאַצן און זעץ זיי איבער אין העברעיש.

א. ווער ביסטו?

ב. גאָט האָט געעפֿנט דעם הימל און דעם נעפּל.

ג. זאָג, וואָס דו פֿאַרלאַנגסט!

ד. איך וועל מאַכן דײַנע קינדער ווי דער שטויב פֿון דער ערד.

ה. אויף יצחקן וועט גערופֿן ווערן דײַן נאָמען.

גענימונג 152. שרײַב איבער די ווײַטערדיקע בייגונגען פֿון ווערב אין עבר, הווה און עתיד.

עבר	הווה	עתיד
ראיתי	אני רואה	אראה
ראית	אתה רואה	תראה
ראה	הוא רואה	יראה
ראיתי	אני רואה	אראה
ראית	את רואה	תראי
ראתה	היא רואה	תראה

עבר	הוה	עתיד
רעינו	אנחנו רועים	נרעה
רעיתם	אתם רועים	תרעו
רעו	הם רועים	ירעו
רעינו	אנחנו רועות	נרעה
רעיתן	אתן רועות	תרעינה
רעו	הן רועות	תרעינה

געניטונג 153. בייג די ווייטערדיקע ווערבן אין עבר, הוה, עתיד ווי דעם מוסטער פון רעה.

קנה, ענה, עשה, עלה.

געניטונג 154. שרייב איבער די ווייטערדיקע זאצן און איבערזעץ זיי אין יידיש.

א. עתידים בניו של יצחק לחטוא לפני ואני דן אותם בראש השנה.
ב. אחפש להם זכות ואזכור להם עקדת יצחק.
ג. היהודים תוקעים בשופר בראש השנה.
ד. האיל נאחז באילן זה ונתר ויוצא.
ה. האיל נאחז בסבך זה ונתר ויוצא.
ו. בניך נאחזים בעוונות ומסתבכים במלכיות.
ז. סופם של ישראל להגאל בקרניו של איל זה.
ח. וה׳ אלהים בשופר יתקע.

געניטונג 155. שרײַב איבער די װײַטערדיקע שפּריכװערטער און שטעל צו דעם הי הוֹדָעָה.

א. אֵיזֶהוּ עָשִׁיר? (—) שָׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ!

ב. אֵיזֶהוּ חָכָם? — רוֹאֶה אֶת הַנּוֹלָד.

ג. (—) חָכָם לוֹמֵד מִכָּל אָדָם.

ד. (—) יוֹם קָצֵר וְ(—) מְלָאכָה מְרוּבָּה.

ה. דָּבָר (—) שָׂנוּא עָלֶיהָ אַל תַּעֲשֶׂה לַחֲבֵרְךָ.



העברעיִש-יידישער
ווערטערבוך

העברעיש-יידישער װערטערבוך

1

לָמָּה נִבְרָא הָאָדָם יְחִידִי

לָמָּה — פֿאַר װאָס

נִבְרָא — איז באַשאַפֿן געװאָרן

הָאָדָם — דער מענטש

אָדָם — אַ מענטש

הָ... — דער, די, דאָס, דעם.

יְחִידִי — אַן אײנציקער

לְלַמֶּדְךָ — כּדי דיך צו לערנען

שֶׁכָּל — אַז יעדער אײנער

כָּל — יעדער אײנער

שֶׁ... — אַז

הַמְאַבֵּד — װאָס ברענגט אום

נֶפֶשׁ — אַ נפֿש; אַ נשמה

מִיִּשְׂרָאֵל — פֿון ישׂראל

מִ... — פֿון

מַעֲלֶה — פֿאַררעכנט; גיט צו

עָלָיו — אויף אים

הַכָּתוּב — די תּורה

כְּאִלּוּ — גלײַך

אִבֵּד — ער האָט אומגעבראַכט

עוֹלָם — אַ װעלט

מָלֵא — אַ פֿולע; אַ גאַנצע

וְכָל — און יעדער אײנער

וְ... — און

הַמְקַיֵּם — װאָס האַלט אויף; װאָס ראַטעװעט

קִיֵּם — ער האָט אויפֿגעהאַלטן

וּמִפְּנֵי — און צוליב

בְּרִיּוֹת — מענטשן

לֹא — ניט; נײן

יֹאמַר — ער װעט זאָגן

לַחֲבֵרוֹ — צו זײַן חבֿר

אָבִי — מײַן טאַטע (אָב)

גָּדוֹל — גרױס; גרעסער

אָבִיךָ — דײַן טאַטע

געניטונג 1

אֱלֹהִים — גאָט

בָּרָא — האָט באַשאַפֿן

אֶת — (סימן פֿון אַקוזאַטיװ)

בְּרֵאשִׁית — אין אָנהײב

שָׁמַיִם — הימל

אֶרֶץ — ערד

הָיָה — איז געװען

לְאָדָם אֶחָד הָיָה — אײן מאַן האָט געהאַט

אֶת עַצְמוֹ — זיך אַלײן

מְאַבֵּד אֶת עַצְמוֹ — זעלבסטמערדער

לָדַעַת — בײַם זינען

אַיִן — נישטאָ, נײן

לוֹ — צו אים

אֵין לוֹ — ער האָט ניט

בְּרִיאַת הָאִשָּׁה

בְּרִיאַת — די באַשאַפונג

אִשָּׁה — אַ פרוי

וַיִּבֶן — און ער האָט אויסגעבויט

צֵלָע — אַ ריפּ

אָמַר — ער האָט געזאָגט

בְּשֵׁם — אין דעם נאָמען

הִתְבּוֹנֵן — ער האָט זיך פאַרטראַכט

מֵאַיִן — פון וואַנען

לִבְרוֹאתָהּ — צו באַשאַפן זי

לֹא — נײן; ניט

אֶבְרָא — איך וועל באַשאַפן

לֹא אֶבְרָא — איך וועל ניט באַשאַפן

אוֹתָהּ — זי (אַקוזאַטיוו)

מִן — פון

רֹאשׁ — אַ קאָפּ

שֶׁלֹּא — אַז ניט

תְּהֵא — זי זאָל זײַן

שֶׁלֹּא תְּהֵא מְיֻקֶּרֶת — זי זאָל ניט פאַרבײַסן

רֹאשָׁהּ — איר קאָפּ

עַיִן — אַן אויג

סַקְרָנִית — אַ נאָכקוקערין

אֹזֶן — אַן אויער

צַיְתָנִית — אַן אונטערהערערין

פֶּה — אַ מויל

פַּטְפְּטָנִית — אַ פּלאַפּלערין

קַנְאָתָנִית — אַ ניט־פאַרגינערין; אַ בעל־מקנאצע

לֵב — אַ האַרץ

יָד — אַ האַנט

מְמַשְׁמְשָׁנִית — אַ טאַפּערין

רֶגֶל — אַ פוס

פַּרְשָׂנִית — אַ לויפעדיין

אֶלָּא — נאָר

מָקוֹם — אַן אָרט

הוּא — ער

שֶׁהוּא — וואָס ער איז

צָנוּעַ — באַהאַלטן; באַשיידן

בָּאָדָם — אין מענטשן

געניטונג 8 און 9

הַר — אַ באַרג

חָצֵר — אַ הויף

צְפֵּר — אַ פוילער

הָרִים — בערג

עָשִׁיר — אַ רײַכער

עָנִי — אַן אָרעמער; אַן אָרעמאַן

הַצֶּלַע וְהָאִשָּׁה

אָמַר — ער האָט געזאָגט

לוֹ — צו אים

לְרַבָּן — צו אונדזער לערער

רַבָּן — אַ טיטול; אונדזער לערער

אֱלֹהֵיכֶם — אײַער גאָט (אֱלֹהִים)

שֶׁנֶּאֱמַר — ווייל עס איז געזאָגט געוואָרן (אָמַר)

וַיַּפֵּל — און ער האָט געלאָזט פאַלן

תַּרְדֵּמָה — אַ טיפער שלאָף

עַל — אויף

וַיִּישָׁן — און ער איז אײַנגעשלאָפן

וַיִּקַּח — און ער האָט גענומען

אַחַת — איינע

מִצַּלְעוֹתָיו — פון זײַנע ריפן

אָמְרָה — זי האָט געזאָגט

בִּתּוֹ — זײַן טאָכטער

הַנִּיחֵהוּ — לאָז אים

וַאֲנִי — און איך

אֲנִי — איך

אֲשִׁיבֶנּוּ — איך וועל אים ענטפערן

תֵּן — גיב

לִי — צו מיר

דּוּכָס — אַ ריכטער

אֶחָד — איינער

לָמָּה — צו וואָס; פאַר וואָס

לָךְ — צו דיר

לִיסְטִים — רויבער; גַּזְלָנִים

בָּאוּ — זיי זײַנען געקומען

עָלֵינוּ — אויף אונדז

הַלַּיְלָה — די נאַכט

נָטְלוּ — זיי האָבן צוגענומען

מִמֶּנּוּ — פון אונדז

קִיתוֹן — אַ קריג

שֶׁל — פון

כֶּסֶף — זילבער

הִנִּיחוּ — זיי האָבן איבערגעלאָזט

לָנוּ — צו אונדז

זָהָב — גאָלד

לָהּ — צו איר

וְלַוַאי — הלוואי

יָבוֹאוּ — זיי זאָלן קומען

בְּכָל — אין יעדן

יוֹם — טאָג

יָפֶה — שיין, גוט

הָיָה — איז געווען

נָטְלוּ — זיי האָבן צוגענומען

נָתְנוּ — זיי האָבן געגעבן

בִּמְקוֹמָהּ — אויף איר אָרט (מָקוֹם)

געניטונג 11

הִנֵּה — אָט

גְּדוֹלָה — גרויסע

גֻּלֹּת — באַפּאַלט; פּאָלט

שְׁקִיעָה רִאשׁוֹנָה שֶׁל חַמָּה

שְׁקִיעָה — זונפאַרגאַנג

רִאשׁוֹנָה — ערשטע

שֶׁל — פון

חַמָּה — זון

בֵּרַכְתִּי — איך האָב געווינדיקט

חָשַׁךְ — איז פינצטער געוואָרן

בַּעֲדִי — פאַר מיר

חוֹזֵר — ער קערט זיך אום

זוֹ — דאָס

הִיא — זי

בּוֹ — אין אים

הֵן — אַז

שְׁקוּעָה — זי איז פאַרזאַנגען

אֵי — ווי

לִי — צו מיר

בִּשְׁבִיל — דערפאַר

וְזוֹ הִיא — און דאָס איז

מִיתָה — טויט

וְנִגְזְרָה — גְּזַר געוואָרן; באַשטימט געוואָרן

הָיָה יוֹשֵׁב — איז ער געזעסן

בּוֹכֶה — וויינט

כָּל הַלַּיְלָה — די גאַנצע נאַכט

קִדְּמוּ — אַנטקעגן אים

עָלָה — ער איז אויפגעגאַנגען

עַמּוּד־הַשַּׁחַר — דער מאָרגנשטערן

מִנְהָגוֹ — זיין פיר; מִנְהָג

שֶׁל — פון

עָמַד — ער האָט זיך געשטעלט

הִקְרִיב — ער האָט מקריב געווען

שׁוֹר — אַן אָקס

